STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 07313

DER IDENSHTAT

Theodor Herzl

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

טהעאדאר הערצל

דער אידענשטאַט

ארויסגעגעבען פון

פראגרעסיוו בוק סטאר

א. שאפירא, 8 לעווערעט סטריט, באסטאן

פאָררעדע.

די אידעע וועלכע איך פיהר אויס אין דעם ווערק, איז א גאנץ אלטע. זי איז וועגען דער וויעדער־אויפבויאונג פון דעם אידישען שטאַט.

די וועלט ווערט פערהילכט פון דעם געשריי געגען די אידען, און דאָס וועקט אויף די איינגעשלאָפענע אידעע.

איך זאָג גאָר ניט קיין נייעס, און דאָס זאָל מען פאר אלעמען דייטליך מערקען אויף יעדען פונקט פון מיינע אויספיהרונגען. איך וויין ניט אויף קיין נייעס אין די היסטאָריש־געוואָרענע צושטענדע פון די אידען, און אויך ניט קיין נייעס וועגען די מיטלען מיט וועלכע מען זאָל זיך העלפען. די מאַטעריעלע טהיילען פון דער געביידע, וואָס איך ענטוואַרף, זיינען אין דער ווירקליכקייט שוין דאָ, און מען קען זיי מיט די הענד אָנטאַפען. יעדער קען זיך דערפון איבערצייגען. ווען מען זאָל א שטייגער וועלען בעצייכנען מיט א וואָרט די פּראָבע פאר א לעזונג, דארף מען דאָס ניט רופען „פאַנטאַזיע“ זאָנדערן „קאָמבינאציאָן“.

געגען די בעשולדיגונג אז דאָס איז איין אוטאָפיע*) מוז איך מיין ווערק צוערשט פערטהיידיגען. אייגענטליך וויל איך נאָר דערמיט פערהיטען די אויבערפלעכליכע קריטיקער פון א נארישקייט, וואָס זיי קענען בעגעהען. עס וואָלט אפילו גאָר קיין בושה ניט געווען אָנצושרייבען א מענשענפריינדליכע אוטאָפיע. איך וואָלט מיר

---

*) „אוטאָפיא“ איז דער נאָמען פון אַ פּאָליטישען ראָמאַן געשריעבען פון סיר טהאָמאַס מאָר, לאָרד־קאַנצלער פון ענגלאנד. סיר טהאָמאַס מאָר איז געבוירען געוואָרען אין יאָהר 1480 און איז געקעפּט געוואָרען אין יאָהר 1535, אויף דעם בעפעהל פון דעם דאמאָלדיגען ענגלישען טיראנישען הערשער. ער האָט געשריעבען פיעל ווערק, אָבער דער ראָמאַן „אוטאָפיאַ“ שילדערענדיג אַ פאנטאַסטישע גליקליכע געזעלשאַפט, איז געבליבען אונשטערבליך. און זייט דאמאָלס, איז „אוטאָפיא“ פערבליבען אין דער ליטעראטור אַלס אַ וואָרט צו בעצייכנען פאַנטאַסטיש גליקליכעס אין דער מענשליכער געזעלשאַפט.

אויך דערמיט געקענט פערדיענען א לייכטערען ליטעראַרישען ער־פאָלג, ווען איך וואָלט בעשרייבען דיזען פּלאַן פאַר לעזער וואָס ווילען זיך אונטערהאַלטען, אין דער פאָרמע פון א ראָמאַן, פאַר וועלכען מען איז ניט פעראַנטוואָרטליך. אבער דאָס איז ניט קיין ליעבענסווירדיגע אוטאָפּיע, וואָס מען האָט שוין אזוי פיעל מאָל אָנגעשריעבען פאַר און נאָך טהאָמאַס מאָר. און איך גלויב אז די לאַגע פון די אידען אין פערשיעדענע לענדער איז גענוג טרויריג, אום חכמה'לעך זאָלען זיין איבריג.

אום צו מאַכען איין אונטערשיעד צווישען מיין ווערק און איין אוטאָפּיע, וועל איך אויסקלייבען איין אינטערעסאַנטעס בוך פון לעצטען יאָהר: „פריילאַנד"*) פון דר. טהעאָדאָר הערטצקא. דאָס איז א זינרייכע פאַנטאַזיע, אויסגעטראַכט פון א דורכאויס מאָדער־נעם, נאַציאָנאַל־עקאָנאָמישען שרייבער, און אזוי ווייט פון לעבען, גראַד ווי דער עקוואַטאָר־באַרג איז, וואו דער טרוים־שטאַט ליעגט. „פריילאַנד" איז א פערפלאָנטערטע מאַשינעריי מיט א סך צייהן און רעדער, וועלכע שליסען זיך זאָגאַר איין איינער אין דעם אנדערן; אבער קיין זאַך בעווייזט מיר ניט, אז זיי קענען געזעצט ווערען אין בעוועגונג. און ווען איך זאָל אפילו זעהען פריילאַנד־פעראיי־נען זיך בילדען, וועל איך עס האַלטען פאַר א שפּאַס.

דערפאַר אבער ענטהאַלט מיין ווערק עפּעס ווירקליכעס וואָס קען אין בעוועגונג געזעצט ווערען. איך צייג נאָר די צייהן און רע־דער פון דער מאַשין, און איך האָף, אז עס וועלען זיך געפינען בע־סערע מעכאַניקער ווי איך בין, אום דאָס דורכצופיהרען.

---

*) אויך דיעזעס ווערק איז איין עהנליכע פאַנטאַסטישע שילדע־רונג ווי דאָס פון סיר טהאָמאַס מאָר.

עס האַנדעלט זיך דאָ נאָר וועגען דער טרייב־קראַפט, און וואָס איז דיעזע קראַפט? די אידישע נויטה.

ווער קען אָבלייקענען אז דיעזע קראַפט איז ניטאָ? מיר וועלען זיך דאמיט בעשעפטיגען אין קאַפּיטעל איבער „די גרינדע פון דעם אנטיסעמיטיזמוס".

מען האָט אויך געקענט די דאַמפּף־קראַפט פון דעם טהעע־קעסעל, וואָס הויבט אויף דורך ערציהונג דעם דעקעל. דיע־זע טהעע־קעסעל־ערשיינונג, זיינען די ציוניסטישע אונטערנעהמונ־

גען און פיעלע אנדערע ארטען פון פעראייניגונג „צום פערטהיידי־
גען זיך געגען אנטיסעמיטיזמוס.“

יעצט זאָג איך, אז דיעזע קראַפט, וועו ריכטיג פערווענדעט,
איז שטאַרק גענוג צו טרייבען אַ גרויסע מאַשין, אום מענשען און
גיטער צו שאַפען. די מאַשין מעג אויסזעהען ווי מען וויל.

איך בין פעסט איבערצייגט, אז איך האָב רעכט — איך ווייס
ניט, אויב איך וועל מיך האלטען אן דיעזען רעכט אין דער צייט
פון מיין גאַנצען לעבען. די ערשטע מענער, וואָס וועלען דיעזע
בעוועגונג אָנפאַנגען, וועלען זעהר שווער האָבען אַ בעריהמטען
סוף. אבער שוין דורך דעם אָנפאַנג אליין, קומט אַ געוויסער שטאָלץ
און דערצו דאָס גליק צו שפירען די אינערליכע פרייהייט.

אום צו שיצען דעם פּלאַן געגען דעם פערדאַכט פון איין או־
טאָפּיע, וועל איך אביסעל שפּאַרזאמער זיין מיט געקינסטעלטע
איינצעלהייטען און שילדערונגען. איך שטעל מיר שוין פאָר, אז
נאַרישער שפּאָט וועט פּרובירען דורך שרעקענס־בילדער אבצושוואַ־
כען מיין גאַנצען פּלאַן. אַ קלוגער איד, וועלכען איך האָב די זאַך
פאָרגעלעגט, האָט געזאָגט: „די גאַנצע מעשה וואָס איז פאָרגע־
שטעלט אלס צוקינפטיגע ווירקליכקייט, טראָגט שוין אויף זיך דעם
שטעמפּעל פון אוטאָפּיע“. דאָס איז פאַלש. יעדער פינאַנץ־מיניס־
טער רעכענט אוים די שטאַטס פאָרשלעגע מיט צוקינפטיגע ציי־
פערן. ער רעכענט ניט נאָר דאָס, פון פריהערע יאָהרען אָדער דאָס,
וואָס איז פאָרגעגאַנגען אין אנדערע לענדער, זאָנדערן גלאַט ציי־
פערן, ווי צום ביישפּיעל וועגען דעם איינפיהרען פון אַ נייעם
שטייער. עס איז גראדע ניט נויטווענדיג מען זאָל קיינמאָל ניט האָ־
בען געזעהען אַ בודזשעט, אז מען זאָל ניט וויסען וואָס דאָס איז.
וועט מען דען דערפאַר האלטען אַ פינאַנץ־געזעץ־ענטוואורף פאַר
אַן אוטאָפּיע ווען מען זאָל אפילו וויסען אז עס קען ניט גאַנץ גענוי
דורכגעפיהרט ווערען?

אָבער איך שטעל מיר פאָר נאָך גרעסערע טענות פון מיינע
לעזער, איך פערלאַנג פון די געבילדעטע, צו וועלכע איך ווענדע מיך,
זיי זאָלען נאָך אמאָל איבערדענקען און איבערלערנען מאַנכע אַלטע
פאָרשטעלונגען. און, זעהט איהר, איך בעהויפּטע אז גראָד דער
בעסטער איד, וואָס האָט זיך שטאַרק בעמיהט ביז איצט צו לע־
זען די אידען־פראַגע, האָט פערזעהען דאָס, וואָס קען ווירקען.

אין דער בעשרייבונג פון דער אידעע, האָב איך צו קעמפּפען מיט א געפאהר. ווען איך זאָל רעדען צוריק געהאלטען איבער אַלע זאכען וואָס ליעגען אין דער צוקונפט, וועט עס הייסען, אז איך אליין גלויב ניט אין דער צוקונפט, וועט עס הייסען, אז איך אליין גלויב ניט אין דער מעגליכקייט. ווען איך וועל ווידער פּראָקלאַמירען, מיר־ניט דיר־ניט, די פערווירקליכונג, וועט מען אַלעס בעטראַכטען אלס א נארישע פּלוידעריי.

דערפאר זאָג איך דייטליך און בעשטימט: איך גלויב אין דער מעגליכקייט פון דער אויספיהרונג, כאָטש איך בעהויפּטע אפילו ניט, אז איך האָב שוין אויסגעפונען ווי דאָס זאָל סוף־כל־סוף אויסזעהען. דער אידענשטאַט איז א וועלט־בעדירפנים, פאָלגליך וועט ער מוזען ווערען.

ווען דאָס זאָל אָנגעפאנגען ווערען פון א יחיד, וואָלט דאָס געווען א משוגענע זאך — אבער ווען פיעל אידען וועלען דארויף איינגעהען אויף איין מאָל, דאן איז עס פאָלקאָמען פערנינפטיג, און די דורכפיהרונג איז גאָר ניט אזוי שווער. די אידעע היינגט נאָר אָב פון דער צאָהל פון די אנהענגער. פיליייכט וועלען זיך נעהמען פאר די פערברייטונג פון דער אידעע אונזערע שטרעבענדע יונגע לייט, פאר וועלכע אלע וועגען זיינען שוין אָנגעשפּארט און איך צייג זיי אין אידענשטאַט די גלענצענדע אויסזיכט פאר עהרע, פרייהייט און גליק.

איך אליין האלט מיין אויפגאבע פאר געענדיגט מיט דעם פּובליצירען פון דיעזער שריפט. איך וועל זיך נאָר אבּרופען, ווען אַנגריפע פון ווירדיגע מענער וועלען מיך דערצו צווינגען, אָדער ווען איך וועל מוזען צוריק ציהען אונפאָרגעזעהענע בעהויפּטונגען און אויסבעסערן פעהלערען.

איז דאָס וואָס איך זאָג היינט נאָך ניט ריכטיג? בין איך אפשר פאר דער צייט ערשיענען? זיינען די אידישע צרות נאָך ניט גרויס גענוג? דאָס וועלען מיר זעהען.

עס היינגט אָב פון די אידען אליין, אויב דיעזעס שטאַטס־ווערק זאָל פאָרלויפיג בלייבען נאָר א שטאַטס־ראָמאַן. ווען דער יעצטיגער דור איז נאָך ניט גענוג פעהיג דערצו, וועט קומען איין אנדערער, א העכערער און בעסערער דור. די אידען וואָס ווילען וועלען האָבען זייער שטאַט און זיי וועלען איהם אויך פערדיענען.

איינלייטונג.

די פאלקס־ווירטשאפטליכע איינזיכט פון פראקטישע מענשען איז אפט אביסעל פערדרעהט. נאר אויף אזא אופן לאזט זיך ערקלערען, פאר וואס אידען אליין זאגען נאך די אנטיסעמיטישע ווערטער: „מיר האבען געלעבט פון די ווירטשאפט־פעלקער, און ווען מיר וואלטען ניט געהאט ארום אונז אזא פאלק, וואלטען מיר בעדארפט אויסגעהען פון הונגער.“ דאס איז איינער פון יענע פונקטען דורך וועלכע עס ווייזט זיך ארוים די שוואכע זייט פון אונזער אייגענעם זעלבסט־בעוואוסטזיין. און ווי איז עס טאקי אין אמת'ן מיט די טובות פון אונזערע ווירטהס־פעלקער? כל־זמן דאס האט ניט אין זיך די אלטע פיזיאקראטישע בעגרענצונג, בערוהט עס אויף א קינדערשען טעות, אז אין גיטער־לעבען געפינען זיך אימער דיזעלבע זאכען. דערפאר דארפען מיר ניט, ווי ריפ וואן ווינקעל*) פלוצלונג ערוואכען פון א לאנג־יעהריגען שלאף, אום צו דערקענען, אז די וועלט דורך איהר אונאויפהערליכעם שאפען ווערט פערענדערט דורך נייע גיטער. אין אונזער וואונדערבארער צייט פון מעכאנישען פארטשריט, זעהט אויך אפילו דער אונענטוויקעלטער מיט זיינע פערקלעפטע אויגען, ווי אזוי די נייע גיטער קומען ארוים. דער גייסט פון אונטערנעהמונג האט זיי געשאפען.

די ארבייט אהן אונטערנעהמונגס־גייסט, איז די וואס ריהרט זיך ניט, די אלטע; אביישפיעל פאר איהר, איז דער אקער־בויער, וועלכער שטעהט נאך אימער אויף דעמזעלבען פלאץ, וואו זיין זיידע איז געשטארבען מיט טויזענט יאהר צוריק. יעדע גוטע מאטעריעלע זאך איז ארויסגעקומען אין דער ווירקליכקייט דורך אונטערנעהמער. מען שעמט זיך כמעט גאר אזא פערשימעלטע מעשה אויפצושרייבען. ווען מיר זאלען אפילו גאר זיין בלויז אונטער־

---

*) מיט ריפ וואן ווינקעל אונטער קריסטען, איז דיזעלבע לעגענדע ווי אונטער אידען, מיט דעם חוני המגעל, וועלכער האט געשלאפען 70 יאהר.

נעהמער — ווי די נאַרישע איבערטרייבונג בעהויפּטעט, — דאַרפֿען מיר אויך ניט קיין ווירהטס־פֿאלק. מיר זיינען ניט אנגעוויזען אימער אויף גלייכע גיטער, ווייל מיר שאַפֿען נייע גיטער.

מיר האָבען אַרבייטס־שקלאַפֿען פון א ריזיגער קראַפֿט, וועלכעס ערשיינען אין דער קולטור־וועלט איז געוועזן א טויטענדע קאָנקורענץ פֿאַר די האַנד־אַרבייט: דאָס זיינען די מאַשינען. אבער מען דאַרף אויך אַרבייטער אום צו זעצען די מאַשינען אין בעוועגונג; און דערצו האָבען מיר גענוג מענשען, נאָך צופֿיעל. בלויז דער וואָס קען ניט דעם אידישען צושטאַנד אין מזרח־זייט פון אייראָפּאַ וועט וואַגען צו בעהויפּטען, אז די אידען טויגען ניט אָדער ווילען זיך ניט נעהמען צו דער האַנד־אַרבייט.

אָבער מיין אבזיכט איז דאָ ניט צו פֿערטיידיגען די אידען. דאָס וואָלט קיין נוצען ניט געבראַכט. אַלעס פֿערנינפֿטיגע און זאָגאַר געפֿיהלפֿאָלע האָט מען שוין געזאָגט. יעצט איז עס ניט גענוג צו געפֿינען די אורזאַכען פאַר'ן פֿערשטאַנד און געפֿיהל; די צוהערער מוזען פֿריהער פֿעהיג זיין צו בעגרייפֿען, ווען ניט איז מען ווי א פּרעדיגער אין דער מדבר. זיינען ווידער די צוהערער שוין אַזוי ווייט און הויך, דאַן בעדאַרף מען גאָר ניט די גאַנצע דרשה. איך גלויב אין דעם פֿאָרטשריטען פון די מענשען צו העכערע גראַדען פון מדות; אבער איך האַלט עס פֿאַר פֿערצווייפֿעלט לאַנגזאַם. ווען מיר זאָלען ווע̈לען וואַרטען ביז דער שכל פון די דורכשניטליכע מענשען וועט זיך אויסלייטערן, ווי עס איז געווען מיט לעסינג'ן ווען ער האָט אָנגעשריבען „נתן החכם“, וואָלט דערווייל געקענט פֿאַראיבער אונזער לעבען און דאָס לעבען פֿון אונזערע זיהן, אייניקלעך און אור־אייניקלעך. דאָ קומט אונז צו הילף דער וועלט־גייסט פון אן אנדער זייט.

דיעזער יאָהרהונדערט האָט אונז געבראַכט א טהייערע ווידערגעבורט דורך די טעכנישע ערפֿינדונג. נאָר פֿאַר דער מענשליכקייט איז נאָך דיעזער גרויסער פֿאָרטשריט ניט פֿערווענדעט געוואָרען. מיר ווייסען שוין ניט וואָס עס הייסט צו ווייט אויף אונזער ערד־קוגעל, און דאָך פּלאָגען מיר זיך אין דער ענגשאַפֿט. שנעל און אָהן געפֿאַהר יאָגען מיר יעצט מיט מעכטיגע דאַמפֿפֿערס איבער ימים וואָס זיינען אונז געווען אונבעקאַנט. זיכערע אייזענבאַהנען פֿיהרען מיר אַרויף אויף די העכסטע בערג, וועלכע מען האָט אַמאָל

צופּוס בעשטיעגען מיט מורא. אין איין שטונדע צייט קענען מיר וויסען וואָס עס טהוט זיך אין יענע לענדער, וועלכע זיינען אונז געוועזען אונבעקאנט, בשעת מען האָט אין אייראָפּא אָבגעשלאָסען די אידען אין גהעטאָ. דערפאר איז די אידישע נויטה אַן אַנאַכראָניזם און ניט ווייל עס איז שוין געוועזען אַן אויפקלערונגס־צייט נאָך מיט הונדערט יאָהר צוריק, וועלכע איז געשטעלט געוואָרען פאַר די גרויסע חכמים.

נון מיין איך, אַז דאָס עלעקטרישע ליכט איז ניט דורכאויס דערצו ערפונדען געוואָרען, כדי אייניגע פראנטען זאָלען קענען בעלייכטען זייערע גרויסארטיגע צימערן, זאָנדערן אום מיר זאָלען ביים שיין קענען לעזען די פראגען פון דער מענשהייט. איינע, ניט די קלענסטע, איז די אידענפראגע. בשעת מיר לעזען זי, האנד־לען מיר ניט נאָר פאר אונז אליין, זאָנדערן אויך פאר פיעל אנדערע געפּלאָגטע און אונגליקליכע.

די אידענפראגע עקזיסטירט. עס וואָלט געוועזען נאַריש איהר אָבצולייקענען. דאָס איז אַ פערשלעפּטע קריינק פון מיטעלאלטער, פון וועלכע די קולטור־פעלקער, ביי זייער בעסטען ווילען, קענען נאָך עד־היום ניט פּטור ווערען. דעם איידעלען ווילען צייגען זיי אפילו, דערמיט וואָס זיי עמאַנציפּירען אונז. די אידענפראגע עק־זיסטירט אבער איבעראל, וואו עס געפינט זיך אַ גרעסערע צאָהל אידען. דאָרט וואו זי איז ניטאָ וועט זי אריינגעשלעפּט ווערען דורך איינוואנדערענדע אידען. מיר גהען נאַטירליך אהין, וואו מען פערפאָלגט ניט קיין אידען; דורך אונזער ערשיינען ענטשטעהט דאָן די פערפאָלגונג. דאָס איז אמת און מוז פערבלייבען אַן אמת איבעראל, אפילו אין די פאָרטגעשריטענע לענדער, כל זמן די אי־דענפראגע וועט ניט פּאָליטיש געלעזט ווערען. אַ בעוויין דאפיר איז פראנקרייך. די ארימע אידען פיהרען יעצט דעם אנטיסעמי־טיזמוס נאָך ענגלאנד. נאָך אמעריקא האָבען זיי איהם שוין גע־בראכט.

איך גלויב, אַז איך פערשטעה דעם אנטיסעמיטיזמוס, אָב־וואָהל ער איז אַ פערדרעהטע בעוועגונג. איך בעטראכט דיעזע בע־וועגונג אלס איד, אָבער אָהן האַס און מורא. איך גלויב אַז איך דערקען אין אנטיסעמיטיזמוס, וואָס עס הייסט אַ מיאוס'ער שפּאַס, געמיינע ברויט־קנאה, פּאָראורטהייל־בירושה, רעליגיעזע אינטאָלע־

ראַנג — אָבער איך קען אויך די פאַלשע נויטה־געוועהר, וואָס אין איהם ליעגט. איך בעטראַכט ניט די אידענפראַגע פאַר א סאָציאַ־לע און אויך ניט פאַר קיין רעליגיעזע פראַגע, ווען זי שטעלט זיך אפילו פאַר אַלס אַזעלכע אָדער אנדערע. זי איז א נאַציאָנאַלע פראַ־גע, און אום זי צו לעזען, דאַרפען מיר פאַר אַלעמען פון איהר מאַ־כען א וועלט־פראַגע, וואָס זאָל רעגולירט ווערען אין ראַטה פון די קולטור־פעלקער.

מיר זיינען א פאָלק, א פאָלק.

מיר האָבען איבעראַל עהרליך געפּרובירט זיך צו פערמישען מיט דעם פאָלק ארום אונז, און זיך בלויז האַלטען אַן דער אמונה פון אונזערע עלטערן. מען לאָזט אונז אבער ניט. אומזיסט זיינען מיר טרייע פּאַטריאָטען, און אין מאַנכע ערטער נאָך מעהר ווי געטרייע; אומזיסט ברענגען מיר דיזעלבע אָפּפער מיט גוט און בלוט ווי אונזערע מיטבירגער; אומזיסט בעמיהען מיר זיך אויפצו־הייבען דעם רוהם פון אונזערע פאַטערלענדער מיט קונסט און ווי־סענשאַפט; אומזיסט זוכען מיר אויך דיזעס לענדער צו בערייכערן דורך האַנדעל און וואַנדעל. אין אונזערע פאַטערלענדער, וואו מיר וואָהנען שוין זייט מעהרערע יאָהר־הונדערטען ווערען מיר בע־טראַכט אַלס פרעמדע; און אָפט ווערען מיר בעטראַכט אַלס פרעמ־דע פון אַזעלכע, וועלכע זיינען נאָך גאָר אין דיעזע לענדער ניט געוועזן, בשעת אונזערע עלטערן האָבען שוין דאָ געזיפצט. ווער דער פרעמדער איז אין לאַנד, דאָס קען נאָר די מאַיאָריטעט ענטשיידען; עס איז א מאַכט־פראַגע, גראַדע ווי אַלץ איז אונטער די פעלקער. איך וואָלט גאָר ניט מוחל געוועזן פון דעם גוטען רעכט וואָס קומט אונז אַלס תושבים, ווען איך זאָל רעדען פון געוועהנליכע מענשען. אָבער אין יעצטיגען צושטאַנד פון דער וועלט, אָדער נאָך אין אַנ־דערע צייטען, געהט מאַכט פאַראויס פאַר רעכט. אומזיסט איז אַל־זאָ אונזער מיה צו זיין בראַווע פּאַטריאָטען אַזוי ווי די הוגענאָטען זיינען געוועזן, וועלכע מען האָט דאָך געצוואונגען צו וואַנדערן. ווען מען זאָל לכל־הפּחות צורוה לאָזען...

אָבער איך גלויב, אַז מען וועט אונז ניט צורוה לאָזען.

דורך אונטערדריקונג און פערפאָלגונג, קען מען אונז ניט פערטילינען. קיין פאָלק אין דער געשיכטע האָט ניט געהאַט אויס־צושטעהען אַזוי פיעל צרות און ליידען ווי מיר. די אידען־פער־

פאַלגונגען האַבען אימער נאָר די שוואַכע פון אונז אוועק גענומען. די שטאַרקע אידען קעהרען זיך צוריק האַרטנעקיג צו זייער שטאַם, אַזוי שנעל ווי עס ברעכען אויס די פערפאָלגונגען. מען האָט דאָס געקענט זעהען גאַנץ דייטליך אין דער צייט נאָך דער עמאַנציפּאַציאָן. די אידען וואָס שטעהן העכער גייסטיג און מאַטעריעל, געפינען נאָך דאָס בעסטע אין דעם, וואָס זיי קענען שטעהן צוזאַמען און פעראייניגט. דער שטאַאַטסמאַן, וואָס ווינשט אַז זיין נאַציאָן זאָל ביי זיך האָבען דעם אידישען ראַסען־פערמיטלער האָט געדאַרפט זאָרגען פאַר אונזער פּאָליטישען וואָהלגעהן. און אפילו אַ ביסמארק האָט דאָס ניט געקענט.

דאָס איז דערפאַר, ווייל טיעף אין פאָלקס־געמיט ליעגט אַן אַלטער פאָראורטייל געגען אונז. ווער עס וויל זיך דערפון איבערצייגען, דער דאַרף זיך נאָר צוהערען ווי דאָס פאָלק זאָגט גאַנץ איינפאַך און אויפריכטיג: „מיר האָבען פיינד די בני־שם". דאָס פאָלק איז איבעראל אַ גרויס קינד, וועלכעס מען קען אויך ערציהען. אָבער דיעזע ערציהונג וועט אין בעסטען פאַל אַזוי פיעל דויערן, אַז מיר וואָלטען, ווי איך האָב שוין געזאָגט, זיך פריהער געקענט העלפען אויף אַ גאַנץ אַנדער וועג.

די פערמישונג, אונטער וועלכע איך פערשטעה ניט נאָר די קליידונג, לעבענסגעוואָהנהייטען, מנהגים און שפּראַך, זאָנדערן דאָס גלייך ווערען אין דענקען און אין אַרט לעבען, דיעזע פערמישונג וואָלט נאָר דאַמאָלס געקענט צו שטאַנד געבראַכט ווערען, ווען מען זאָל זיך אויך פערהייראַטהען מיט די קריסטען. אָבער דאָס קען ניט פריהער געשעהן ביז די מעהרצאָהל וועט ניט פיהלען אַ בעדירפניס דערצו. עס איז נאָך וועניג וואָס דאָס געזעץ ערלויבט זיך צו פערהייראַטען מיט דער קריסטליכער בעפעלקערונג. די אונגארישע ליבעראַלען, וואָס האָבען אַזאַ טריט יעצט געמאַכט, געפינען זיך אין אַ טעות. און דיעזע טהעאָרעטיש איינגעפיהרטע מיש־חתונות, האָבען געגעבען אַן ערשטען גוטען ביישפּיעל: אַ געטויפטער איד האָט חתונה געהאַט מיט אַ אידיש מיידעל. דער קאַמף וויעדער אום די יעצטיגע פאָרמע פון מיש־חתונות איינצופיהרען אין אונגאַרן, האָט נאָך געבילדעט אַ גרעסערע מחיצה צווישען אידען און קריסטען און האָט מעהר געשאַדעט פאַר דער ראַסען־פערמישונג, איידער געניצט. ווער עס ווינשט ווירקליך דעם

אונטערגאנג פון די אידען דורך א ראסען־פערמישונג, קען דאפיר זעהען נאָר איין מעגליכקייט: די אידען מוזען פריהער קריגען אזוי פיעל עקאָנאָמישע מאכט, אז דאָס אלטע געזעלשאַפטליכע פאָר־אורטהייל זאָל דאדורך בעזיעגט ווערען. א ביישפיעל גיט אונז די אריסטאָקראטיע, אונטער וועלכער עס קומען אזוי אָפט פאָר מיש־חתונות. דער אלטער אדעל לאָזט זיך אבגילטען פון אידישען גאָלד, און דערביי ווערען אידישע פאמיליען איינגעזויגען אונטער די קריסטען. אבער ווי קען דאָס געשעהען מיט דעם מיטעלקלאס וואו די אידישע פראגע ליעגט? מען דארף ניט פערגעסען אז די אי־דען בעלאנגען צו דעם מיטעלקלאס מענשען. דאביי וואָלט נויטהיג געווען, אז די אידען זאָלען בעזיצען פריהער די גלייכע מאכט מיט די אנדערע ווירטהשאפטס־פעלקער, א זאך וואָס מען שרייבט יעצט שוין צו צו די אידען, כאָטש עס איז ניט אמת. זיך ארויף צו בייטען אויף אזא שטופע איז אונמעגליך. עס וואָלט זיך דאן גע־מוזט האנדלען צו בעזיעגען די מאַיאָריטעט. און דאָס קען ניט מעגליך זיין אז א מינאָריטעט זאָל עס טהאָן וואָס בעזיצט ניט די קריעגערישע און פערוואלטונגס־קראפט. איך האלט דערפאר אויך פאר ניטוואהרשיינליך דאָס ארויף ארבייטען זיך פון די אידען, בלויז אויף דעם וועג פון געוועהנליכען וואקסען. איבערהויפט קען מען ניט פיעל ערווארטען פון אידישען וואקסען ביי דיעזער צייט אין אנטיסעמיטישע לענדער. אין די לענדער, וואו עס געהט יעצט די אידען גאנץ גוט, וועלען מיינע אידישע ברידער מיך געוויס שטארק קריטיקירען דאפיר. זיי וועלען מיר אבער ערשט דאמאָלט גלויבען, ווען זיי וועלען אָנהויבען צו שפירען די אידען־פערפאָלגונג. און וואָס לענגער דער אנטיסעמיטיזמוס לאָזט אויף זיך ווארטען, אלץ ווילדער ברעכט ער אויס. דער דראנג פון די איינגעוואנדערטע אויף די זאָגענאַנטע זיכער־וואָהנענדע, ווי אויך די קלאסען־בעווע־גונג פון די אידישע תושבים, דאָס אלץ ווירקט אויף איינמאָל צו־זאמען אום צו פיהרען צום אנטיסעמיטישען אויסברוך. קיין זאך איז ניט אזוי איינפאך ווי דיעזער שכל־שלום.

דאָס זאָג איך אונבעקימערט און בלויז נאָכפאָלגענדיג דעם אמת. דערפאר אבער זעה איך שוין ארוים דעם ווידערשפרוך און פיינדשאפט פון די אידען, וואָס וואָהנען אין לענדער אונטער גינסטיגע פערהעלטניסע. זאָלאנג עס האנדעלט זיך וועגען פריוואט

אינטערעסען וואו מענשען שפּירען זיך אין געפאַהר דורך בעשרענ־קונג אָדער פייגהייט, וואָלט מען אזעלכע זאכען געקענט פאַרביי־געהן מיט א שמייכעל פון פעראכטונג. די אנגעלעגענהייט פון די אָרעמע און אונטערדריקטע איז וויכטיגער. איך וויל אבער שוין פאַראויס ניט צולאָזען קיין אונריכטיגע פאַרשטעלונגען: געמליך דיעזע ניט, דאָס ווען מיין פּלאַן זאָל אמאָל פערווירקליכט ווערען, זאָלען די רייכע אידען ניט געשעדיגט ווערען אין זייער האָב און גאָב. דערפאַר וויל איך דאָס רעכט פון די פערמעגליכע אויספיהרליך ערקלעהרען. ווען די גאַנצע אידעע בלייבט בלויז אין דער ליטע־ראטור, דאַן וועט אלץ אויך אימער בלייבען ווי געוועזן.

ערנסטער וואָלט געווען די טענה, אז איך העלף גאָר די אנטי־סעמיטען, דערמיט וואָס איך בעהויפּט, אז מיר זיינען א פאָלק. דאַן, אז איך לאָז ניט צו די אידען זאָלען זיך אסימילירען וואו עס איז מעגליך, און דאָרט וואו זיי האָבען זיך שוין אסימילירט, ווארן איך, אזוי ווייט נאַטירליך ווי איך, אלס איינזאמער שריפטשטעלער, בין אימשטאַנד ניט צו לאָזען אָדער צו ווארנען.

די טענה וועט אייגענטליך אין פראנקרייך ארויסקומען. איך ערוואַרט דאָס אויך אין אנדערע פּלעצער, אבער איך וויל נאָר די פראנצויזישע אידען פאַראויס ענטפערן, ווייל זיי גיבען דעם שטאַרקסטען ביישפּיעל.

וויפיעל איך פערעהר די פּערזענליכקייט, די שטאַרקע איינ־צעלנע פּערזענליכקייט פון דעם שטאַטסמאַן, ערפינדער, קינסטלער, פילאָזאָף אָדער קריגס־פיהרער, צוזאמען אלס גרופּע פון מענשען, וואָס מיר רופען פאָלק, בעקלאָג איך דאָך ניט זייער אונטער־גאַנג. ווער עס קען אונטערגעהן, וויל און מוז אונטערגעהן, דער זאָל אונטערגעהן. די פאָלקס־פּערזענליכקייט פון די אידען קען אבער ניט, וויל ניט און מוז ניט אונטערגעהן. זי קען ניט אונטער־געהן, ווייל דרויסענדיגע שונאים האַלטען זי צוזאמען. אז זי וויל ניט אונטערגעהן, האָט זי בעוויזען אין א משך פון צוויי טוי־זענד יאָהר אויסשטעהענדיג די גרעסטע צרות. אז זי מוז ניט אונטערגעהן, פּרוביר איך יעצט צו בעווייזען מיט פיעלע אנדערע אידען, וועלכע האָבען נאָך די האָפנונג ניט אויפגעגעבען. די צוויי־גען פון אידענטהום קענען אָבשטאַרבען; דער בוים בלייבט.

ווען יעצט זאָלען פּראָטעסטירען געגען דעם אלע איינצעלנע

פראנצויזישע אידען. ווייל זיי האבען זיך שוין „אסימילירט“, איז מיין ענטפער איינפאך: די גאנצע געשיכטע דארף זיי ניט קימערן. זיי זיינען אידישע פראנצויזען, אויסגעצייכענט! דאס איז אבער אן אינערליכע אידישע אנגעלעגענהייט.

די בעוועגונג פאר די בילדונג פון א שטאט דארף די פראנצויזישע אידען אויך אזוי וועניג שאדען, גראדע ווי אלע „אסימילירטע“ אין אנדערע לענדער. זעהט איהר אבער, עס וועט זיי אין גענענטהייל גאר נוצען — נוצען! ווייל זיי וואלטען געווען אין זייער „כראמאטישע פונקציאן“,*) ווי דארווין דריקט זיך אויס, מעהר ניט געשטערט. זיי קענען זיך אסימילירען, ווייל דער יעצטיגער אנטיסעמיטיזמוס וועט געפיהרט ווערען אויף אימער צו א שטילשטאנד. מען וועט דאן זיי אויך גלויבען, אז זיי זיינען אסימילירט ביז אין דער טיעפקייט פון זייערע נשמות. דאס וועט נאטירליך זיין דאמאלט, ווען דער אידענשטאט מיט זיינע בעסערע איינריכטונגען וועט פערוואנדעלט ווערען אין א ווירקליכקייט. און זיי, די אסימילירטע, וועלען נאך אימער פערבלייבען דארט, וואו זיי וואהנען.

די „אסימילירטע“ וועלען נאך מעהר פארטהייל האבען אלס די קריסטליכע בירגער, דערמיט וואס די שטאט־געטרייע אידען וועלען זיך פון זיי דערווייטערן. דאס איז דערפאר, ווייל די „אסימילירטע“ וועלען דורך דעם פטור ווערען פון דער אידישער בעאונרוהיגענדער, אונבערעכענבארער און אונפערמיידליכער פראלעטאריאט־קאנקורענץ, וואס ווערט דורך דעם פאליטישען דרוק און

---

*) כ ר אָ ם אויף גריכיש, הייסט מעטאַל. כראָמאַטיש זאָל אַלזאָ הייסען, מעטאַליזירט, אָבער אין די וועלטליכע שפראכען איז דאָס אָנגענומען אַלס פּאָלירט און פארביג. אין דער דייטשער שפראך איבערהויפּט, קען מען זאָגען: כראָמגרין, כראָמגעלב א. ז. וו. ווען טשאַרלז דארווין ערקלערט אין זיין „אָרידזשין אָף ספּיסעס“ די געשטאַלטונגען און אויסבילדונגען פון פערשיעדענע ברואים, בעצייכענט ער מיט דעם אויסדרוק „כראָמאַטיק פונקשיאָן“, אַ צושטאַנד פון אַ חיה, וואָס האָט אָנגענומען אַ פארב, אַ קאָליר אָדער אן אויסבילדונג דורך געוויסע פארבען געשטאַלטונגען. דאָס הייסט, אָבוואָהל עס איז ניט איהר טבע, האָבען די אומשטענדען דערצו געפיהרט.

ווירטהשאַפטליכע נויט געוואָרפען פון אָרט צו אָרט און פון לאַנד צו לאַנד. אַט דער שוועבענדער פּראָלעטאַריאַט וועט איינמאָל פאַר אַלעמאָל אַבגעשלאָסען ווערען. יעצט קענען זיך מאַנכע קריסטליכע שטאַטסבירגער — מען רופט זיי אַנטיסעמיטען — זיך שטעלען געגען דער איינוואַנדערונג פון פרעמדע אידען. די אידישע שטאַטסבירגער קענען דאָס ניט, כאָטש זיי שפירען עס פיעל מעהר ווי אַנדערע; ווייל אויף זיי ווירקט צוערשט דער קאָנקורענץ־דרוק פון אַזעלכע מענשען, וועלכע אימפּאָרטירען נאָך דערצו דעם אַנטיסעמיטיזמוס, אָדער זיי פערשטאַרקען דעם פאַרהאַנדענעם. עס איז איין אייביגער קלאָג פאַר דעם „אַסימילירטען“, וועלכער בעשעפטיגט זיך מיט „וואָהלטעהטיגע“ אונטערנעהמונגען. זיי גרינדען אויסוואַנדערונגס־פעראיינען פאַר צוגעקומענע אידען. די ערשיינונג ענטהאַלט אין זיך אַ ווידערשפּרוך, וועלכען מען וואָלט געקענט געפינען אַלס קאָמיש, ווען עס זאָל זיך ניט האַנדלען אום ליידענדע מענשען. אייניגע פון די אונטערשטיצונגס־פעראיינען זיינען ניט פאַר, זאָנדערן געגען די פערפאָלגטע אידען געשאַפען. די אָרימע זאָלען גאַנץ שנעל און גאַנץ ווייט אַוועק געשיקט ווערען. און אויף דעם אופן ענטדעקט מען, אַז מאַנכער זאָגענאַנטער אידענפריינד איז בלויז אַן אַנטיסעמיט מזרע־היהודים וואָס טראָגט דעם מאַנטעל פון וואָהלטהאַט.

אפילו די קאָלאָניזירונג־פּראָגען פון ווירקליך גוט־מיינענדע מענשען, האָבען זיך ביז יעצט ניט זעהר גוט ארויסגעוויזען, אַבוואָהל זיי זיינען געווען אינטערעסאַנטע פּראָבען. איך גלויב ניט, אַז עס האָט זיך ביי איינעם אָדער ביים אַנדערען, בלויז געהאַנדעלט אום אַ שפּילכעל; אַז איינער אָדער אַן אַנדערער, האָט בלויז געלאָזען וואַנדערן אָרימע אידען, גראַדע ווי מען לאָזט פערד לויפען. די אַנגעלעגענהייט, נאָך אַלעמען, איז דאָך צו ערנסט און טרויעריג. אינטערעסאַנט זיינען אַבער געווען דיזע פּראָבען אויף אַזוי ווייט, וואָס זיי האָבען פאָרגעשטעלט אין אַ קליינער פאָרמע די אַנפאַנגען פון דער אידענשטאַטס־אידעע. און ניצליך ווידער זיינען זיי געווען אויף אַזוי ווייט, ווייל דערביי זיינען געמאַכט געוואָרען פעהלערן, פון וועלכע מען קען לערנען וואָס צו טהאָן, ווען עס זאָל זיך האַנדלען ביי דער פערווירקליכונג אין אַ גרויס פאָרמאַט. נאַטירליך האָט מען דורך דיזע פּראָבען אויך שאַדען געמאַכט. די פערפלאַנ־

צונג פון דעם אַנטיסעמיטיזמוס אין נייע געגענדען, וואָס איז אַ נויטהווענדיגע פאָלגע נאָך אַזאַ קינסטליכע איינוואַנדערונג, האַלט איך נאָך ניט פאַר אַזוי שעדליך. ערגער איז עס אָבער, וואָס ביי די אידען אַליין ענטשטעהט דער צווייפעל, אויב דאָס אידישע מענשען־מאַטעריאַל איז איבערהויפּט נויטווענדיג. דער פערשטענ־דיגער וועט אָבער קענען דיזען צווייפעל גובר זיין, דורך פאָל־גענדען איינפאַכען אַרגומענט: דאָס וואָס איז ניט צוועקמעסיג אָדער ניט צום דורכפיהרען אין אַ קליין פאָרמאַט, איז נאָך קיין ראיה ניט אַז אַזוי מוז זיין דער פאַל ביי אַ גרויס פאָרמאַט. אַ קליי־נע אונטערנעהמונג קען ברענגען פערלוסט אונטער דיזעלבע אומ־שטענדען, וואָס אַ גרויסע ברענגט פערדיענסט. אַ טייכעל איז ניט צום שיפען זיך אפילו מיט קליינע שיפּלעך; אַ טייך ווידער אין וועלכען דאָס טייכעל גיסט זיך אַריין, קען טראָגען גרויסע אייזער־נע דאַמפּערס.

קיינער איז ניט גענוג שטאַרק אָדער רייך, אום ער זאָל קענען אַ פאָלק אַריבערזעצען פון איין וואָהנאָרט אויף אַן אַנדערן. דאָס קען נאָר טהאָן אַ אידעע. די שטאַטס־אידעע האָט אַזאַ כּוח. די אי־דען, וועהרענד דער גאַנצער נאַכט פון זייער געשיכטע, האָבען נאָך ניט אויפגעהערט צו טרוימען דעם קעניגליכען חלום: „לשנה הבאה בירושלים“. יעצט האַנדעלט זיך נאָר דאַרום, צו בעווייזען, אַז פון דעם חלום זאָל ווערען אַ ליכטיגער געדאַנק.

דערצו מוז מען אויסוואַרצלען מאַנכע אַלטע, איינגעבילדעטע, פערשימעלטע און בעשרענקטע פאָרשטעלונגען. פערשטאָפּטע מוחות וועלען מיינען, אַז די וואַנדערונג מוז געהן פון אַ ישוב אין דער מדבר אַריין. ניט אמת! די וואַנדערונג געפינט זיך אין מיטען ישוב. מען קעהרט ניט צוריק אויף אַ נידעריגער מדרגה, זאָנדערן מען געהט העכער. מען ציהט ניט אַריין אין קיין ליים־שטיבלעך, זאָנ־דערן אין שענערע און מאָדערנערע הייזער, וועלכע מען בויט אויף דאָס ניי און מען בעזיצט אונגעשטערט. מען פערלירט ניט דאָס ערוואָרבענע גוט, זאָנדערן מען גיט עס אַ ווערטה. מען גיט אויף דאָס גוטע רעכט פאַר נאָך אַ בעסערעס. מען טיילט זיך ניט אָב פון די ליעבע געוואָהנהייטען, זאָנדערן מען קריגט זיי ווידער. מען פערלאָזט ניט פריהער דאָס אַלטע הויז, איידער דאָס נייע ווערט פערטיג. עס געהען נאָר די, וואָס זיינען זיכער דורך דעם זייער לאַגע

צו פערבעסערען. ערשט געהען די פערצווייפעלטע, דאן די אָרימע, די ערשטע שטייגען דאן ארויף אויף א העכערע שטופע, ביז די לעצטע ערשיינען. די וואנדערונג איז, אין דערזעלבער צייט, אויך א פאָרשטרייטענדע קלאַסען־בעוועגונג.

אויך הינטער די אויסוואַנדערענדע אידען ענטשטעהען קיינע ווירטשאפטליכע שטערונגען, קיינע קריזיסען און פערפאָלגונגען ניט, זאָנדערן עס פאנגט אָן א פעריאָדע פון גליק פאר די פערלאָזענע לענדער. עס טרעט איין אן אינערליכע וואנדערונג פון קריסטליכע שטאַטס־בירגער, וואָס בעזעצען די שטעלען, וועלכע אידען האָבען פערלאָזען. די אויסוואַנדערונג איז א געוועהנליכע, אָהן שטערונג צו פערוּרזאכען, און דער אָנפאַנג אליין איז שוין דאָס ענדע פון אנטיסעמיטיזמוס. די אידען שיידען זיך אלס געאכטעטע פריינד, און ווען אייניגע וועלען אפילו קומען צוריק, וועט מען זיי אויפ־נעהמען אין די ציוויליזירטע לענדער, גראָדע אזוי גוט ווי אנדערע פרעמדע בירגער. דיזע וואנדערונג איז ניט קיין ענטלויפען, זאָנ־דערן א געאָרדנעטער צוג, אונטער דער קאָנטראָלע פון דער עפענט־ליכער מיינונג. די בעוועגונג מוז ניט נאָר ווערען געפיהרט מיט פאָל־קאָמען געזעצליכע מיטלען, זאָנדערן, זי קען איבערהויפט נאָר דורכ־געפיהרט ווערען מיט דער פריינדליכער מיטווירקונג פון די בעטהיי־ליגטע רעגיערונגען, וועלכע האָבען דערפון א געוויסען פאָרטייל.

פאר די ריינהייט פון דער אידעע און די קראַפט פון איהר אויספיהרונג, זיינען נעטהיג גאַראַנטיען, וועלכע מען קען נאָר גע־פינען אין זאָגענאַנטע „מאָראַלישע" און „יוריסטישע" פערזאָ־נען. איך וועל ערקלערען דיזע צוויי בעצייכנונגען, וועלכע ווערען זעהר אָפט פערביטען אין דער יוריסטישער שפראך. אלס מאָראַלישע פערזאָן, וועלכע איז ארונטערוואַרפען דעם רעכט אויסערהאַלב פון דער רייהע פון פריוואט־פערמעגען, שטעל איך אויף די „אידישע געזעלשאפט". נעבען דעם שטעהט די יוריסטישע פערזאָן פון דער „אידישער קאָמפּאַניע", וועלכע האָט די עובדא צו ערווערבען.

דער איינציגער, וועלכער מאכט נאָר אפילו א מינע אזא ריזענוועדק צו אונטערנעהמען, קען נאָר זיין א בעטריגער אָדער א משוגענער. פאר די אנשטענדיגקייט פון דער מאָראַלישער פערזאָן גאַראַנטירט דער כאראקטער פון איהרע מיטגליעדער. די אויסגע־

ברייטע קראפט פון דער יוריסטישער פערזאָן איז בעוויזען דורך איהר קאַפּיטאַל.

דורך די בעמערקונגען ביז אהער האָב איך נאָר געוואָלט איין אײַלעניש אבווענדען די גרויסע מאסע טענות, וואָס וועלען ענטשטעהן בלויז דורך דעם וואָרט „אידענשטאַט". פון דאנען אָן און ווייטער וועלען מיר מיט מעהר רוה ערקלערען, אנדערע טענות בעקעמפּפען און מאנכע שוין אָנגעוויזענע גרינדליכער דורכפיהרען. איך וועל קיין מיה ניט שפּאָרען אלעס מעגליכע צו פערענטפערן. ווען דאָס זאָל מיר אפילו אָנקומען שווער לויט דער אינטערעס פון ווערק. קורץ געפאסטע קאפּיטאַלען זיינען אם בעסטען צוגעפאסט פאר אזא צוועק.

ווען איך וויל ארויף שטעלען אויפ'ן פּלאַץ פון אן אלטער געביידע א נייע, מוז איך צוערשט צושטערען און דאַן בויען. איך וועל מיך אן דעם קלוגען רעגעל האלטען. פאר אלעמען, אין אלגעמיינעם טהייל, מוז מען די בעגריפען לייטערן. אלטע פּאָרשטעלונגען ארויסוואָרצלען. פּאָליטישע און נאַציאָנאַל-עקאָנאָמישע בעדינגונגען פעסט שטעלען און דעם פּלאַן ענטוויקלען.

אין ספּעציעלען טהייל, וועלכער איז אין דריי הויפּט חלקים, דארף מען די אויספיהרונג ערקלערען. דיעזע הויפט חלקים זיינען: „אידישע קאָמפּאַניע", „אָרטס-גרופּען" און „אידישע געזעלשאפט". די געזעלשאפט זאָל אייגענטליך פריהער ענטשטעהען און דאַן די קאָמפּאַניע; אבער אין ענטוואורף לאָזט זיך רעקאָמענדירען די אומגעקעהרטע אָרדנונג; ווייל געגען די פינאַנציעלע דורכפיהרונג קען זיך ערהעבען דער גרעסטער צווייפעל, וועלכער קען אויך באלד בעוויזען ווערען אלס ניט בעגרינדעט.

אין שלום-וואָרט ווערט נאָך געגעבען דער לעצטער קלאפּ צו די כלומר'שדיגע טענות.

מיינע אידישע לעזער מעגען מיר געדולדיג נאָכפאָלגען ביז צום סוף. ביי מאנכע וועלען נאָר די טענות ענטשטעהען אויף אן אנדערען אופן, ווי זיי זיינען דאָ פערענטפערט. ווער מעגנם מורא אבער איז פערנינפטיג בעזיעגט געוואָרען, זאָל זיך אין דעם מודה זיין.

בשעת איך רעד צום שכל, ווייס איך אבער אויך, אז דער שכל אליין איז נאָך ניט גענוג. אלטע ארעסטאַנטען געהען ניט זעהר גערן ארויס פון געפענגנים. מיר וועלען זעהען אויב די יוגענד, אין וועלכע מיר נויטיגען זיך, זאָל זיך צופּאַסען: די יוגענד, וועלכע רייסט מיט די אלטע, טראָגט זיי ארויס אויף די הענד און זעצט איבער די פערנונפט־גרינדע אין בעגייסטערונג.

אלגעמיינער טהייל.

די אידענפראגע.

אז די אידען זיינען אויף צרות, וועט קיינער ניט לייקענען. אין אלע לענדער, וואו זיי געפינען זיך אין א גרויסער צאהל, ווערען זיי מעהר אדער ווייניגער פערפאלגט. די גלייכע בערעכטיגונג איז איבעראל בטל געווארען, אבוואהל זי עקזיסטירט אין געזעץ. זיי קענען ניט צוקומען צו די מיטעל־הויכע ראנגען אין דער ארמעע, און האבען אויך קיין צוטריט ניט צו די עפענטליכע און פריוואטע עמטער. מען ווענדעט אן אלעם מעגליכע זיי ארויסצושטופען פון דעם געשעפטס־פערקעהר, און מען שרייט איבעראל: „קויפט ניט ביי אידען!“

די אנגריפע געגען אידען מעהרען זיך פון טאג צו טאג אין די פארלאמענטען, פערזאמלונגען, פרעסע, אויף קירכען־במה׳ס, אויף דער גאס און אויף דער רייזע; מען לאזט זיי ניט אריין אין די האטעלען און מען שטויסט זיי ארויס זאגאר פון אונטערהאלטונגספלעצער. די פערפאלגונגען האבען א פערשיעדענעם כאראקטער, לויט די לענדער און די געזעלשאפטען. אין רוסלאנד פערברענט מען אידישע דערפער; אין רומעניען הרג׳עט מען גלאט א פאר אידען; אין דייטשלאנד ברעכט מען זיי דורך די ביינער; דער אנטיסימיטיזמוס אין אלזשיר שטעלט אויף יעדעם מאל נייע וואנדער פרעדיגער וואס העצען אויף געגען די אידען; אין פאריז וויל דער זאגענאנטער בעסערער קלאס מיט זיי גאר ניט צו טהאן האבען און מען לאזט זיי ניט צו אין זייער סביבה. די פערשיעדענע צרות זיינען אהן א צאהל. איך וועל דא איבריגענס ניט געהען אויסרעכענען אלע אידישע וועהטאגען. מיר ווען זיך ניט אבשטעלען ביי איינצעלהייטען, ווי שמערליך זיי זאלען ניט זיין.

מיין צוועק איז ניט ארויסצורופען רחמנות פאר אונז. דאס אלץ איז שוין פויל, אומזיסט און ניט מכובה׳דיג. מיר איז בלויז גענוג צו פרעגען די אידען, אויב עס איז אמת, אז דארט וואו

מיר וואָהנען אין אַ גרעסערער צאָהל, ווערט די לאַגע פון די איי־דישע אדוואָקאטען, ערצטע, טעכניקער, לעהרער און אַנגעשטעלטע אימער ערגער אויף יעדען אופן? אויב עס איז אמת, אז אונזער גאַנצער אידישער מיטעלשטאַנד געפינט זיך אין געפאהר? אויב עס איז אמת אז געגען אונזערע רייכע ווערען אויפגעהעצט די ליי־דענשאפטען פון המון? אויב עס איז אמת, אז אונזערע אָרימע־לייט ליידען מעהר ווי אלע אנדערע פּראָלעטאַריער?

איך גלויב, אז דער דרוק איז פאַראַן איבעראל. אין די העכע־רע ווירטשאפטליכע קלאַסען פון די אידען ווירקט ער מיט אַ אונרוהע. אין די מיטלערע קלאַסען ברענגט ער שווערע און ביטערע צרות. אין די ניעדריגערע — איז ער איינפאַך די פערצווייפלונג.

אַ פאַקט איז עס, אז ער פיהרט איבעראל צו איין ציעל, און לאָזט זיך אמבעסטען ערקלערען אין דעם בערלינער „קלאַסישען" אויסרוף: „יודען רויס!"

איך וועל יעצט די אידענפראגע אויף'ן קירצעסטען אופן אויס־דריקען: מוזען מיר שוין „רויס" און וואוהין?

אָדער קענען מיר נאָך בלייבען? און ווי לאנג?

לאָמיר צוערשט פערטיג ווערען מיט דער פראגע פון בלייבען. קענען מיר אויף בעסערע צייטען האָפען, פאסען געדולד און, זיך פערלאָזענדיג אויף גאָט, וואַרטען, אז די פירסטען און פעלקער פון דער ערד וועלען צו אונז גנעדיגער ווערען? איך זאָג, אז מיר קע־גען קיין ענדערונג ניט ערוואַרטען. וואַרום? די פירסטען, ווען מיר זאָלען ביי זיי שוין אפילו אזוי טהייער זיין ווי די אנדערע בירגער, קענען אונז ניט שיצען. זיי וועלען דאַמיט דעם אידענהאַס אינדאַ־סירען, דערמיט וואָס זיי וועלען זיך צו אונז ווייזען צו פיעל פריינד־ליך. און פערגעסט ניט, אז אונטער דיעזען „צו פיעל", איז נאָך וועניגער צו פערשטעהן, איידער דאָס צו וואָס יעדער געוועהנליכער בירגער אָדער יעדער פאָלקסשטאַם קען האָבען אַן אַנשפּרוך.

די פעלקער, ביי וועלכע אידען וואָהנען, זיינען אַלע צוזאַמען און בעזונדער, פערשעהמטע אָדער אומפערשעהמטע אנטיסעמי־טען.

דאָס געוועהנליכע פאָלק האָט קיין היסטאָרישען בעגריף ניט, און קען אויך קיין בעגריף ניט האָבען. דאָס פאָלק וויים ניט, אז פאַר די זינד פון מיטעלאַלטער ליידען יעצט די אייראָפּעאישע פעלקער.

מיר זיינען דאָס, וואָס מען האָט פון אונז געמאכט אין גהעטאָ. מיר האָבען, אָהן צווייפעל, זיך אויסגעארבייט א גרויסען טאַלענט אין געלד־געשעפט, ווייל מען האָט אונז אין מיטעלאַלטער דערצו געטריבען. יעצט שפּיעלט זיך ווידער אָב אַן עהנליכע געשיכטע. מען טרייבט אונז נאָך אַמאָל צום געלד־געשעפט, וואָס מען רופט יעצט בערזע, דערמיט וואָס מען לאָזט אונז צו קיין אנדער זאך ניט צו. זיינען מיר שוין אין דער בערזע, געפינט מען אין דעם אליין ווידער אַן אנדער אויסרייד אונז צו האסען. דערביי פּראָדוציר'ען מיר אָהן אויפהער מיטעלע אינטעליגענטע מענשען וואָס האָבען קיין אבגאנג ניט, און זיי זיינען גראדע אזא געפאהר פאר דער געזעלשאפט, ווי דאָס וואקסענדע פערמעגען. די געבילדעטע און אָרימע נעהמען זיך צום סאָציאַליזמוס. די סאָציאַלע מלחמה מוז אלזאָ יעדענפאלס אויף אונזער רוקען אָנגעשלאָגען ווערען, ווייל מיר שטעהען אויף דעם הויפּט־פּונקט פון קאַפּיטאַליסטישען און פון סאָציאַליסטישען לאַגער.

פּראָבען ביז אַהער צו לייזען.

די געקינסטעלטע מיטלען ביז אהער צו בעזיגען דעם שטאַנד פון דער אידישער נויטה, זיינען ענטוועדער געווען צו קליין, ווי די פערשיעדענע קאָלאָניזירונגען, אָדער איבערהויפּט פאלש, ווי דאָס פערוואנדלען פון אידען אין בויערן אין זייער יעצטיגע היימאַטען.

וואָס האָט מען דען דערמיט אויפגעטהאָן, ווען מען פיהרט שוין אוועק א פּאָר טויזענד אין אַן אנדער געגענד ? ענטוועדער זיי גליקט אָפּ און דאן ענטשטעהט דורך זייער פערמעגען דער אנטיסעמיטיזמוס, אָדער זיי ווערען באלד אין גאנצען רואינירט. מיט די פּראָבען ביז אהער אריבערצופיהרען ארימע אידען אין אנדערע לענדער האָבען מיר זיך שוין פריהער בעשעפטיגט. דיזע ארט אריבערפיהרונגען, איז יעדענפאלס אונבעדייטענד און אָהן א צוועק. דאָס לייזען פון דער אידענפראגע ווערט דערמיט נאָר אָבגעלעגט, פערשלעפּט און פיליכט גאָר שוואכער געמאכט.

ווער עס וויל אבער מאכען פון די אידען אקער־בויער, דער געפינט זיך אין א מערקווירדיגען טעות. דער בויער איז ניט מעהר

ווי א היסטאָרישע קאַטעגאָריע, און מען דערקענט דאָס אם בעסטען אַן זיינע מלבושים, וועלכע זיינען אין די מעהרסטע לענדער שוין אַלט הונדערטע יאָהרען. עס איז אויך דאָס זעלבע מיט זיין געצייג און מעבעל, וועלכע זיינען גענוי דיזעלבע, ווי אין די צייטען פון זיי־נע אור־עלטערן. זיין פלוג איז נאָך אימער אזוי ווי אין די אַלטע צייטען, ער זייט פון דעמזעלבען פאַרטוך, שניידט מיט דער גע־שיכטליכער קאַסע, און דרעשט מיט דעמזעלבען פלעגעל. דאָס איז כאַטש מיר ווייסען, אַז פאַר דעם אַלעמען, זיינען פאַראַן מאַ־שינען. די אגראַר־פראַגע איז אויך נאָר א מאַשינען־פראַגע. אמערי־קאַ מוז זיגען איבער אייראָפּאַ, גראַדע ווי דער גרוים־גרונד בעזי־צער פערטיליגט דעם קליין־גרונד־בעזיצער.

דער בויער איז אַלזאָ א פיגור, וואָס עקזיסטירט נאָר פאַרלוי־פיג און מוז באַלד אונטערגעהן. ווען מען אונטערשטיצט אפילו דעם בויער אביסעל, איז עס נאָר דערפאַר, ווייל ער מוז דינען פאַר גע־וויסע פּאָליטישע אינטערעסען. צו מאַכען נייע בויערן לויט דעם אַלטען רעצעפּט, איז אַן אונמעגליכקייט און א נאַרישע אונטער־נעהמונג. קיינער איז ניט רייך אָדער שטאַרק גענוג צוריק צו שטופּען די קולטור מיט געוואַלט. דאָס אַליין, זיך צו האַלטען אַן די אַלטע קולטור־מנהגים, איז שוין אויך א געוואַלטיגע אויפגאַבע, זאָגאַר פאַר אַלע מיטלען וואָס אַן אויטאָקראַטיש געפיהרטער שטאַט קען אַנווענדען.

ווייל מען אַלזאָ דעם אידען, וועלכער איז אינטעליגענט, צווינ־גען ער זאָל ווערען א בויער פון אַלטען שניט? דאָס איז גראַדע ווי מען זאָל זאָגען דעם אידען: „דאָ האָסטו א פאַנצער, געה אין דער מלחמה אריין." — וואָס? מיט א פאַנצער זאָל ער געהן ווען די אַנדערע האָבען מאָדערנע ביקסען און קרופּ'ס קאַנאָנען? די אידען פון וועלכע מען וויל מאַכען בויערן, האָבען פאָלקאָמען רעכט, ווען זיי ווילען זיך ניט ריהרען פון'ם פּלאַץ. דער פאַנצער איז א גאַנץ שעהנער געוועהר, און ווען איך האָב צייט ערוועקט ער אין מיר די שטימונג פאַר א קלאָג־ליעד. אבער ער פּאַסט אין מוזעאום.

עס זיינען פערהאַנען געגענדען, וואו די פערצווייפעלטע אי־דען געהען זאָגאַר אויפ'ן פעלד, אָדער זיי וואָלטען געוואָלט געהן דאָרט אַרבייטען. אין דערזעלבער צייט ווייזט זיך גאָר אַרויס, אַז

גראָדע דאָרט זיינען די הויפּט נעסטען פון אנטיסעמיטיזמוס, ווי דער פאַל איז אין העסען — דייטשלאַנד, און אין מאַנכע רוסישע פּראָווינצען.

די וועלט־פערבעסערער, וואָס שיקען דעם אידען אַקערן, פערגעסען אַן זעהר א וויכטיגע פּערזאָן, וועלכע האָט אויך אין דעם ענין עפּעס אַריין צו רעדען. און דאָס איז דער בויער אַליין. און דער בויער האָט פאָלקאָמען רעכט. גרונד־שטייער, געפאַהר פאַר דער תבואה אויף די פעלדער, דער דרוק פון גרויס־בעזיצער, און איבערהויפּט די אַמעריקאַנישע קאָנקורענץ, דאָס אַלץ פערביטערט זיין לעבען. דערצו קען מען דאָך דעם קאָרן־צאָל ניט אימער לאָזען וואַקסען, כדי דעם בויער צו בעשיצען. דעם פאַבריק־אַרבייטער קען מען אויך ניט לאָזען פערהונגערן; מען מוז אויף איהם מעהר אַכטען, ווייל זיין פּאָליטישער איינפלוס האַלט אין שטייגען.

די אַלע שוועריגקייטען זיינען גוט בעקאַנט. איך דערמאָהן זיי דאָ נאָר איבערפלעכליך. איך האָב נאָר געוואָלט ווייזען, ווי די פּראָבען פאַר א לייזונג פון דער אידענפראַגע ביז יעצט, זיינען אין א סך פאַלען געווען ווערטהלאָז. ניט די אַרויספיהרונג און ניט די געקינסטעלטע אַרונטערדריקונג פון גייסטיגען מצב פון אונזער פּראָלעטאַריאַט, קען עפּעס העלפען. איבער דעם וואונדער־מיטעל פון אַסימילירען זיך האָבען מיר שוין געשפּראָכען.

דעם אנטיסעמיטיזמוס קען מען אַלזאָ ניט גובר זיין. ער קען ניט אַבגעשאַפט ווערען, כל־זמן זיינע גרינדע זיינען ניט אַבגעשאַפט. קען מען אַבער דיזע אַבשאַפען?

די גרינדע פון אַנטיסעמיטיזמוס.

מיר רעדען יעצט מעהר ניט איבער די געמיטהס־גרינדע, אַלטע פאָראורטהיילען און דומהייטען, זאָנדערן פון די פּאָליטישע און ווירטשאַפטליכע גרינדע. אונזער היינטיגער אנטיסעמיטיזמוס דאַרף ניט פערוועקסעלט ווערען מיט דעם רעליגיאָנס־האַס געגען אידען אין פריהערדיגע צייטען, אפילו ווען דער האַס צו די אידען איז איינִיגע לענדער טראָגט נאָך עד־היום א רעליגיעזען מאַנטעל. דער גרויסער צוג פון דער אידענפיינדליכער בעוועגונג איז היינט א גאַנץ אַנדערער. אין די הויפּט לענדער פון אנטיסעמיטיזמוס איז

דיעזער בלויז פעראורזאכט געוואָרען צוליעב דער אידישער עמאַנציפּאַציאָן. בשעת די קולטור־פעלקער האָבען איינגעזעהן די אונמענשליכקייט פון די אויסנאהמס־געזעצען און אונז בעפרייט, איז די בעפרייאונג שוין געווען צו שפּעט. געזעצליך האָט מען אונז שוין ניט געקאָנט עמאַנציפּירען אין דעם צושטאַנד וואו מיר האָבען זיך געפונען מערקווירדיג, מיר האָבען זיך אין געטאָ ענטוויקעלט צו אזא מין מיטעלשטאַנדס־פאָלק, וואָס איז געוואָרען א שרעקליכע קאָנקורענץ פאר דעם מיטעלשטאַנד אונטער די פעלקער. נאָך דער עמיניציפאַציאָן זיינען מיר פּלוצלונג געבליבען שטעהן צווישען דער בורזשואַזיע און מיר האָבען בעדאַרפט א דאָפּעלטען דרוק אויסהאַלטען, פון אינעווייניג און פון אויסוועניג. די קריסטליכע בורזשואַזיע איז אפילו ניט דאַגעגען אונז צוצוּוואַרפען אלס אָפּפער פאַר דעם סאָציאַליזמוס; אבער דאָס וועט אויך גאָר ניט העלפען.

און נאָך אַלעמען קען מען שוין ניט מבטל זיין די געזעצליכע גלייכבערעכטיגונג פון די אידען. ניט דערפאַר ווייל עס איז געגען דעם מאָדערנעם בעוואוסטזיין, זאָנדערן אויך ווייל דאָס וועט זאָפאָרט אַלע אידען, אָרים און רייך, טרייבען זיך אָנצושליעסען אָן די אומשטורץ־פּאַרטייען.

מען קען איבערהויפּט פאַר אונז גאָר ניט טהאָן, וואָס זאָל ווירקען. פריהער האט מען ביי די אידען אוועק גענומען זייער צירונג. ווי וויל מען היינט דאָס בעוועגליכע פערמעגען אָנכאַפּען? דיעזער פערמעגען געפינט זיך אין געדרוקטע ווערטה־פּאַפּירען, וועלכע זיינען אירגענדוואו אין דער וועלט, פיליכט אין קריסטליכע קאַסע־קאַסטענס, בעהאַלטען. מען קען אונז אבער טרעפען דורך דאָס ארויפלעגען פון שטייערען אויף אַקציען און באָנדס פון באהנען, באַנקען, פערשידענע אינדוסטריעלע אונטערנעהמונגען, און וואו עס עקזיסטירט דער וואַקסענדער שטייער, לאָזט זיך כאַפּען דער הויפּט חלק פון גאַנצען בעוועגליכען פערמעגען. אבער אַלע עהנליכע פּראָבען קענען ניט גאָר געגען די אידען אליין געצילט ווערען; און וואו מען פּרובירט עס יאָ, דערלעבט מען באַלד שווערע ווירטשאַפטליכע קריזיסען, וואָס פאַלען פּאָזיטיוו ניט צום ערשטען אויף די אידען. דורך דיעזער אונמעגליכקייט דעם אידען גובר צו זיין ווערט נאָך מעהר פערשטאַרקט און פערביטערט דער האס. אונטער דער

בעפעלקערונג וואקסט דער האַס פון טאָג צו טאָג און פון שטונד צו שטונד, ווייל די אורזאכען עקזיסטירען ווייטער און קענען ניט בטל ווערען. די נאָהענטע אורזאך ליגט אין דעם, וואָס מיר האָבען זיך ניט געקענט אסימילירען אין מיטעלאַלטער, און די נאָהענטע אורזאך ליגט אין דער איבער־פּראָדוקציאָן פון מיטעלע אינטע־ליגענטע מענשען, — וואָס האָבען קיין אָבגאנג ניט נאָך אונטען און קיין אויפשטייגען ניט נאָך אויבען. דאָס הייסט: ניט זיי קע־נען זיך ניצליך מאכען ווי עס געהערט צו זיין, אונטער די נידרי־גע קלאַסען און ניט זיי קענען, ווי עס געהערט צו זיין, פּראָגרעסי־רען. ווילען מיר זיך ארונטער לאָזען, ווערען מיר פּעראָרימט און מיר בילדען די אונטערשטע שורה פון אלע רעוואָלוציאָנערע פּאַר־טייען; ווילען מיר ווידער ארויף שטייגען, דאַן וואקסט אונגעהייער אונזער שרעקליכע גאָלדמאכט.

די ווירקונג פון אַנטיסעמיטיזמוס.

מיט דעם וואָס מען דריקט אונז, מאכט מען אונז ניט בעסער. מיר זיינען גראָדע אַזעלכע מענשען ווי אלע אנדערע. מיר ליבען ניט אונזערע שונאים. אבער נאָר דער אליין וואָס קען איבערוויזען, אז ער ליבט יא די שונאים, קען אונז פּאָרווירפע מאכען. די אונ־טערדריקונג געגען אונז רופט ארויס א שנאה געגען די אונטער־דריקער — און דיזעלבע שנאה ווירקט ווען די אונטערדריקונג האַלט אין וואקסען. פון דיעזען ארט לעבען ארויס צו קריכען איז אונ־מעגליך.

„דאָך!“ ווערען ווייכמוטיגע שווערמער זאָגען, „דאָך איז עס מעגליך! און גראָדע נאָר דורך דער גוטסקייט פון די מענשען, וועל־כע מען וויל זוכען אויפצואוועקען.“

דאַרף איך ווירקליך ערשט נאָך בעווייזען, וואָס דאָס איז פאַר א נארישע פּלוידעריי? ווער עס וויל גרינדען א בעסערונג פון צו־שטענדען אויף דער גוטסקייט פון מענשען, דער זאָל בעסער אויפ־שרייבען אן אוטאָפּיע.

איך האָב שוין גערעדט וועגען אונזער „אסימילירונג“. איך זאָג פּאָזיטיוו ניט, אז איך וויל זי. אונזער פאָלקס־פּערזענליכקייט

איז געשיכטליך צו פיעל בעריהמט געוואָרען, טראָץ אַלע ערנידע־רונגען וואָס מיר האָבען געליטען. זי שטעהט דערפאַר צו הויך אום איך זאָל ווינשען איהר אונטערגאַנג. פיעלייכט קענען מיר זיך אי־בעראַל פערלירען אונטער די פעלקער, ווען מען זאָל אונז נאָר צוויי דורות צורוה לאָזען. אבער מען וועט אונז ניט צורוה לאָזען. נאָך אַ קורצער צייט פון טאָלעראַנץ, ערוואַכט אימער ווידער די שנאה געגען אונז. אונזער גליק שיינט עפּעס אויפרעגענדעס אין זיך צו האָבען, ווייל די וועלט איז שוין געווען אזוי לאַנג געוואָהנט אונז צו זעהען אונטער די פּראַכטעטע אָרימע. דערביי בעמערקט מען אָבער ניט — דורך אונוויסענהייט אָדער קנאה — אַז אונזער גליק שוואַכט אונז אָב און לעשט אויס אונזער פאָלקס־פּערזענליכקייט. נאָר די אונטערדריקונג טרייבט אונז צוריק צום אַלטען שטאַם; אָבער דער האַס פון אונזערע שכנים מאַכט אונז ווידער פאַר פרעמדע.

אזוי זיינען מיר און מיר בלייבען אַ היסטאָרישע גרופּע וואָס דערקענט זיך אין איהר צוזאַמען האַלטען, אויב מיר ווילען עס יאָ אָדער מיר ווילען עס ניט.

מיר זיינען אַ פאָלק — דער שונא מאַכט פון אונז אַ פאָלק, אָהן אונזער ווילען, ווי די געשיכטע האָט עס אימער בעוויזען. אין צרות שטעהן מיר צוזאַמען און דאַן ענטדעקען מיר פּלוצלונג אונזער קראַפט. יאָ, מיר האָבען די קראַפט צו בילדען אַ שטאַאַט, און דערצו אַ מוסטער־שטאַאַט. מיר האָבען דערצו אַלע מיטלען וואָס זיינען נאָר נעטהיג.

עס וואָלט שוין דאָ אייגענטליך געווען דער פּלאַץ צו רעדען וועגען אונזער „מענשען־מאַטריאַל“, ווי דער רויהער אויסדרוק לוי־טעט. אָבער פריהער מוזען מיר בעקאַנט מאַכען די הויפּט פּונקטען פון דעם פּלאַן, אויף וועלכען אַלץ בעציהט זיך.

ספּעציעלער טהייל.

דער פּלאַן.

דער פּלאַן איז, אין גרונד גענומען, זעהר איינפאַך, און ער מוז אויך איינפאַך זיין, ווייל אַלע מענשען דאַרפען איהם פערשטעהן

זאָל מען נאָר געבען פאַר אונזער רעגירונג אַ שטיקעל פּלאַץ אויף דער ערד, עס זאָל זיין גענוג פאַר אונזערע גערעכטע פאָלקס־בעדירפניסע. דאָס איבריגע וועלען מיר שוין אליין בעזאָרגען.

דאָס ענטשטעהן פון אַ נייער הערשאַפט איז ניט לעכערליך און ניט אונמעגליך. מיר האָבען דאָס שוין דערלעבט אין אונזערע צייטען ביי פעלקער, וועלכע זיינען, ניט, ווי מיר, מיטעלשטאַנדס־פעלקער זאָנדערן אַרימער, אונגעבילדעטער, און דערפאַר אויך שוואַכער ווי מיר זיינען. אום פאַר אונז צו פערשאַפען אַ רעגירונג, זיינען שטאַרק פעראינטערעסירט די לענדער, אין וועלכע עס ליעגט דער אַנטיסעמיטיזמוס. עס וועלען דערפאַר צוויי גרויסע קערפּער־שאַפטען געשאַפען ווערען: די „אידישע געזעלשאַפט" און „די אידישע קאָמפּאַניע".

וואָס די „אידישע געזעלשאַפט" האָט פאַרברייט וויסענ־שאַפטליך און פּאָליטיש, פיהרט אויס פּראַקטיש די „אידישע קאָמפּאַניע". זי בעזאָרגט דעם פערקויף אָדער אויפלעזונג פון אַלע פערמעגענס־אינטערעסען פון די אידען וואָס פאָהרען אוועק, און אָרגאַניזירט אין נייעם לאַנד דעם ווירטשאַפטליכען פערקעהר.

די אויסוואַנדערונג פון די אידען דאַרף מען ניט, ווי איך האָב שוין געזאָגט, זיך פאָרשטעלען אויף איין מאָל. זי וועט געהן לאַנג־זאַם און דויערן צעהנדליגער יאָהרען. צום ערסטען וועלען אוועק די אָרימסטע און מאַכען דאָס לאַנד מסוגל עס זאָל זיך בעצאָהלען. זיי וועלען בויען נאָך אַ געגעבענעם פּלאַן, שטראָסען, בריקען, באַה־נען; איינאָרדנען טעלעגראַפען, רעגולירען טייכען און פאַר זיך אַליין בויען אַ היימאַט. זייער אַרבייט ברענגט דעם פערקעהר, דער פער־קעהר — דעם מאַרק, און דער מאַרק ציהט צו נייע איינוואַנדערער.

יעדערער זאָל קומען פריייווילּיג, אויף אייגענע הוצאות און געפאַהר. די ארבייט וואָס מען לעגט אריין אין דער ערד פעראורזאכט אז דער באָדען זאָל קריגען מעהר ווערטה. די אידען וועלען שנעל איינזעהן, אז פאר זיי האָט זיך אויפגעשלאָסען א נייע וועלט, וואו זיי וועלען קענען טהאָן מיט זייער געהאסטען אונטערנעהמונגס־גייסט, אלץ וואָס זיי ווילען.

ווען מען וויל גרינדען א לאַנד, דארף מען דאָס ניט טהאָן ווי מיט טויזענד יאהרען צוריק. עס איז נאריש צוריק צו געהן אויף אלטע קולטור־שטופען, ווי מאַנכע ציוניסטען וואָלטען עס געוואָלט. ווען מיר זאָלען דארפען, צום ביישפּיעל, רייניגען א לאַנד פון ווילדע חיות, וועלען מיר עס ניט מאכען ווי די אייראָפּעער האָבען געטהאָן אין פינפטען יאהרהונדערט. מיר וועלען ניט כאפּען קיין שפּיזען אום ארויס צו געהן געגען די בערען, זאָנדערן מיר וועלען פעראנשטאַלטען א גרויסע און פרעליכע יאגד, צוזאמען טרייבען די חיות און ווארפען זיי דאָן אויף א דינאַמיט־באָמבע.

ווען מיר וועלען בעשליסען צו בויען, וועלען מיר ניט אויפשטעלען קיין שטרוי־הייזלעך נעבען ברעג פון ים, זאָנדערן מיר וועלען בויען, ווי עס פיהרט זיך יעצט אין דער וועלט. ווייל מיר האָבען אזעלכע מיטלען, וואָס זיינען נאָך אין דער געשיכטע ניט געווען.

אונזערע נידעריגסטע ווירטשאפטליכע קלאסען קומען לאנגזאם אריבער פריהער פאר די העכערע. די, וואָס זיינען יעצט די פערצוויייפעלטע, קומען פריהער. זיי וועלען געפיהרט ווערען איבעראל פון אונזערע מיטעלע אינטעליגענץ, וואָס מיר האָבען אין איבערפלוס.

די פראגע פון דער אידישער וואנדערונג זאָל דורך דעם בוך ארויפגעשטעלט ווערען פאר אן אלגעמיינעם ויכוח. דאָס הייסט אבער ניט, אז מען זאָל שוין דאריבער אבשטימען. דורך דעם וואָלט די גאַנצע זאך קאליע געוואָרען. ווער עס וויל ניט מיטגעהן, דער מעג דאָ בלייבען. דער ווידערשפּרוך פון איינצעלנע מענשען אין אזא ענין, איז פון א גאַנץ קליינער בעדייטונג. ווער עס וויל אבער מיטגעהן, דער זאָל זיך שטעלען אונטער אונזער פאָהן, און קעמפען פאר איהר מיט ווארט, שריפט און טהאַט.

די אידען וואָס נעהמען אן אונזער שטאַאַטס־אידעע, זאָלען

זיך פערזאמלען ארום דער „אידישער געזעלשאפט“. די „אידישע געזעלשאפט“ וועט דערפאר קריגען די אויטאריטעט צו רעדען צו די רעגירונגען, אין נאמען פון די אידען. די „געזעלשאפט“ וועט דאן אנערקענט ווערען אלס א שטאאטס־בילדענדע מאכט. און דער־מיט אליין וואלט שוין אויך דער שטאאט געבילדעט געווארען.

וועלען זיך דאן די מעכטע צייגען גערייט איבערצוגעבען צו דעם אידישען פאלק די רעגירונג פון א נייטראלע לאנד, וועט דאן די „געזעלשאפט“ פערהאנדלען וועגען דעם לאנד. צוויי פעל־צער שטעהען אונז פאר די אויגען: פאלעסטינא און ארגענטיניען. בעמערקענסווערטהע קאלאניזירונגס־פראבען זיינען געמאכט גע־ווארען איןביידע, נאטירליך דורך דעם פאלשען פרינציפ פון אי־בערפיהרען אידען פון איין פלאץ אויפ'ן צווייטען. אויף דעם אופן קען עס ניט האבען קיין גוטען סוף. ווייל עס מוז קומען די צייט, ווען די רעגירונגען שפארען אב דעם וועג פון ווייטערדיגער איינ־בענעטהיגען אויך, און נאך פיעל אנדערע זאכען. דורך דעם ענט־דריקט. די אויסוואנדערונג האט פאלגליך נאר דאן א זין, ווען דער פונדאמענט איז געזיכערט דורך אונזער הערשאפט.

ווען דער פלאן וועט געפעלען ווערען די לענדער־הערשער, וועט דאן די „אידישע געזעלשאפט“ מיט זיי אונטערהאנדלען, און צוואר זאל דאס לאנד וואס מיר וועלען האבען, שטעהן אונטער דעם שוץ פון די אייראפעאישע מעכטע. מיר קענען דעם לאנד־הערשער וואס וועט אונז דעם פלאץ געבען, פיעל גוטעס טהאן. מיר וועלען איבער־נעהמען א טהייל פון זיינע שטאאטס חובות, בויען באהנען וואס מיר בענעטהיגען אויך, און נאך פיעל אנדערע זאכען. דורך די ענט־שטעהונג פון דעם אידישען שטאאט וועלען די שכנים ארום פיעל געווינען, ווייל, גרויס אדער קליין, פערגרעסערט די קולטור פון א לאנד, אז די אומגעבונג זאל שטייגען אין ווערטה.

פאלעסטינא אדער ארגענטיניען?

וואס זאל מען פארציהען, פאלעסטינא אדער ארגענטיניען? די „געזעלשאפט“ וועט נעהמען דאס, וואס מען וועט איהר געבען און פאר וואס די עפענטליכע מיינונג פון דעם אידישען פאלק

וועט זיך ערקלערען. די „געזעלשאפט" וועט איבערביידע בעשטי־מען.

ארגענטיניען איז איינע פון די נאטור־רייכסטע לענדער פון דער ערד. זי האט אונגעהייער גרויסע פלאכע פלעצער, מיט א קליינער בעפעלקערונג און א מיטעלמעסיגען קלימאט. די ארגענ־טינישע רעפובליק וואלט געהאט דעם גרעסטען אינטערעס אין דעם אונז צו געבען א שטיק פון איהר לאנד. די יעצטיגע איינוואנ־דערונג האט נאטירליך דארט ניט ארויסגערופען קיין גרויסע צופרידענהייט. מען וועט דערפאר מוזען ארגענטיניען אויפקלע־רען וועגען דעם גרויסען אונטערשיד אין דער אידישער וואנדערונג.

פאלעסטינא איז אונזער אונפערגעסענע היסטארישע היימאט. דער נאמען אליין וואלט געווען א גרויסער אויפרוף צו אונזער פאלק זיך צו פערזאמלען. ווען זיין מאיעסטעט, דער סולטאן, זאל אונז געבען פאלעסטינא, וואלטען מיר זיך געקענט אונטערנעמען גענצליך צו רעגולירען די פינאנצען פון דער טערקיי. פאר איי־ראפא וואלטען מיר דארט פיעל אויפגעטהאן. מיר וואלטען געווען אין אזיען דער אוואנגארד פון דער קולטור געגען דער בארבא־ריי. מיר וועלען, אלס נייטראלער שטאט, מוזען בלייבען אין פער־בינדונג מיט גאנץ אייראפא, וואס וואלט בעדארפט גאראנטירען פאר אונזער עקזיסטענץ. פאר די הייליגע פלעצער פון קריסטענ־טהום וואלט מען געקענט איינריכטען, אז אין דער פארמע פון פעל־קער־רעכט, זאל דאס בעלאנגען צו דער גאנצער קריסטליכער וועלט. מיר וועלען אויך בילדען אן עהרענוואך ארום דיזע הייליגע פלע־צער און גאראנטירען מיט אונזער עקזיסטענץ פאר דער ערפי־לונג פון דער פליכט. די עהרענוואך וואלט געווען דער גרויסער סימבאל פאר דער לייזונג פון דער אידענפראגע נאך אכצעהן יאהרהונדערט פון אידישע צרות.

בעדירפנים, אָרגאַן, פעַרקעהר.

אין פארלעצטען קאפיטעל האב איך געזאגט, אז די „אידישע קאמפאניע" זאל ארגאניזירען אין נייעם לאנד דעם ווירטהשאפטלי־כען פערקעהר.

איך גלויב, אז עס איז נויטיג דערצו צו געבען אן ערקלערונג.

א פלאַן, ווי דער וואָס איז פאָרגעלעגט, קען גיִשעדיגט ווערען אין זיין פונדאַמענט, ווען די כלומר'שט „פראַקטישע" מענשען זאָלען געגען איהם אויפטרעטען. די פראַקטישע מענשען זיינען אבער בכלל אזוי צוגעוואָהנט צו געוויסע אלטע פאָרשטעלונגען, אז זיי זיינען אליין ניט אימשטאַנד זיך דערפון ארויסצורייסען. אבער זייער אויפטריט שפּילט א ראָלע און קען דעם נייעם פּלאַן זעהר פיעל שאַדען; וועניגסטענס אזוי לאַנג, ווי די נייע זאַך איז נאָך ניט שטאַרק גענוג, אום גובר צו זיין די „פראַקטיקער" מיט זייערע אלטע, פוילע איינבילדונגען.

ווען די אייזענבאהן־צייט איז געקומען איבער אייראָפּא, זיינען געווען אזעלכע „פראַקטיקער", וואָס האָבען ערקלערט דאָס בויען פון געוויסע ליניען, אלס די גרעסטע דומהייט. „דאָרט", פלעגען זיי זאָגען און אָנווייזען אויף א געוויסער ליניע, „האָט אפילו דער פּאָסט־וואָגען ניט גענוג פּאַסאַזשירען." דאמאָלט האָט מען נאָך ניט געוואוסט פון דער וואהרהייט, וואָס איז היינט אזוי איינפאַך בעקאַנט: ניט די רייזענדע רופען ארויס די נויטווענדיגקייט פון דער באהן, גראַדע אומגעקעהרט, די באהן מאַכט רייזענדע. דאביי ווערט ערקלערט, אז מענשען מיט א געזונדען פערשטאַנד זעהן ארויס פון פריהער די שלאָפענדע בעדירפנים וואָס מען דאַרף בלויז אויפוועקען.

צו דער קאַטעגאָריע פון אזעלכע „פראַקטישע" מענשען, וואָס האָבען פריהער ניט געקענט ארויסזעהן, אז די באהן שאַפט די רייזענדע, וועלען אויך געהערען די, וואָס וועלען זיך ניט קענען פאָרשטעלען ווי אזוי עס קענען זיך אָנזאַמלען מענשען אין א לאַנד, וואָס מען דאַרף עס ערשט געווינען, קולטיווירען און איינריכטען א ווירטהשאַפטליכען פערקעהר. א „פראַקטיקער" וועט לעת־עתה אזוי זאָגען:

„לאָמיר צוגעבען, אז די יעצטיגע צושטענדען פון די אידען ערלויבען זיי מעהר ניט צו פערבלייבען אויף פיעל ערטער וואו עס מוז נאָך ערגער ווערען; לאָמיר צוגעבען, אז עס ענטשטעהט די לוסט צום אויסוואַנדערן; לאָמיר אפילו צוגעבען, אז די אידען וואַנדערן שוין אין דעם נייעם לאַנד. אבער ווי און וואָס וועלען זיי דאָרט פערדינען? דער פערקעהר פון מענשען לאָזט זיך דאָך ניט

איינריכטען אויף א געקינסטעלטען אופן פון איין טאַג אויפ'ן צווייטען."

דארויף גיב איך מיין ענטפער: עס איז גאָר ניט די רעדע פון דער געקינסטעלטער איינריכטונג פון א פערקעהר, און נאָך ווע־ניגער רעדט מען פון דער איינריכטונג פון איין טאַג אויפ'ן צוויי־טען. ווען מען קען אפילו ניט דעם פערקעהר איינריכטען, דאן קען מען איהם געוויס ערוועקען. ווי אזוי? דורך דעם אָרגאַן פון בעדירפניס. דאַס בעדירפניס וויל ערקענט ווערען, דאַס ארגאַן געשאַפען ווערען, און דער פערקעהר ווערט דאן פון זיך אליין.

אויב דאַס בעדירפניס פון די אידען אין בעסערע צושטענדען איז ווירקליך און גרויס; אויב דער שאפענדער אָרגאַן פון דיעזען בעדירפניס, די „אידישע קאָמפּאַניע", איז גענוג מעכטיג, דאן מוז דער פערקעהר אין נייעם לאַנד דערגרייכען דעם העכסטען פונקט. דאַס ליגט נאַטירליך אין דער צוקונפט, גראדע ווי די ענט־וויקלונג פון דעם באהן־פערקעהר אין די דרייסיגער יאָהרען איז געלעגען אין דער צוקונפט, טראָץ דעם האָט מען געבויט די אייזענבאהנען. ווי מיר זעהען יעצט, האָט מען זיך שוין אויסגעלאכט פון דער מורא פון די „פּראַקטישע" מיט דעם פּאָסט־וואַגען.

די „אידישע קאָמפּאַניע״

פונדאַמענט פלענער.

די „אידישע קאָמפּאַניע״ איז א מין גרויסע לאַנד־געזעלשאַפט — מען קען עס רופען א אידישע „טשאַרטערד קאָמפּאַניע״. זי דאַרף אָבער ניט אויסאיבען קיין הערשער־רעכט און זי האָט ניט צו טהאָן בלויז מיט דער קאָלאָניאַלער אויפגאַבע.

די „אידישע קאָמפּאַניע״ ווערט געגרינדעט אַלס אַן אַקציען־געזעלשאַפט, מיט דעם רעכט פון ענגלישע אונטערטהאַנען, לויט נאָך די געזעצען און שוץ פון ענגלאַנד. דער הויפּט־פּלאַץ איז לאָנ־דאָן. ווי גרויס דאָס אַקציען־קאַפּיטאַל זאָל זיין, קען איך יעצט ניט זאָגען. אונזערע צאָהלרייכע פינאַנץ־קינסטלער וועלען דאָס שוין אויסרעכענען. אום אָבער ניט צו געברויכען אונבעשטימטע אויס־דריקע, וועל איך זאָגען, אַז מען בעדאַרף א מיליאַרד מאַרק. עס קען זיין אַז מען וועט פיליכט בעדאַרפען וועניגער אָדער מעהר. ווי אַזוי מען זאָל דאָס געלד צוזאַמען ברענגען, וועל איך שפּעטער רעדען, און עס וועט אויך פון דעם אָבהענגען, וויפיעל פון דער גרויסער סומע עס וועט נויטהיג זיין איינצוצאָהלען ביים אָנפאַנג פון דער טהעטיגקייט.

די „אידישע קאָמפּאַניע״ איז אַן איבערגאַנגס־אַנשטאַלט. זי האָט בלויז צו טהאָן מיט א געשעפטליכער אונטערנעהמונג און זי דאַרף זיך אימער אונטערשיידען פון דער „אידישער געזעלשאַפט״.

די „אידישע קאָמפּאַניע״ האָט די אויפגאַבע צו בעזאָרגען דעם פערקויף פון דעם אונבעוועגליכען פערמעגען פון די אידען וואָס וואַנדערן אויס. דער אופן ווי דאָס וועט געשעהן, וועט פערהי־טען קריזיסען, זיכערן יעדען דאָס זייניגע, און געבען דאָן די מעג־ליכקייט פאַר דער אינערליכער וואַנדערונג פון די קריסטליכע מיט־בירגער, וועגען וועלכער מיר האָבען שוין גערעדט.

דאָס געשעפט פון אונבעוועגליכען פערמעגען.

אונטער אונבעוועגליכען פערמעגען דארף מען פערשטעהען: די הייזער, לאַנד־גיטער און די קונדשאַפט פון די געשעפטען. די „אידישע קאָמפּאַניע" וועט זיך אין אנפאנג ערקלערען בערייט צו זיין דער פערמיטלער ביים פערקויף פון דיעזען אונבעוועגליכען פערמעגען.

אין דער ערשטער צייט, דארף מען ניט פערגעסען, וועלען אלע זאכען פון די אידען פערקויפט ווערען פרייוויליג און זיי וועלען ניט דארפען ליידען פון א גרויסען פערלוסט אין פרייז. די „קאָמפּאַניע" וועט אין יעדער שטאָדט בילדען צענטראַל־צווייגען (ברענטשעס) אום זיך צו בעשעפטיגען מיט דעם פערקויף פון אידישע גיטער. יעדע פון דיעזע צווייג־אנשטאַלטען וועט פארלויפיג זעהען דאָס נויטיגע איינצוקאַסירען.

די ענטוויקלונג פון דער בעוועגונג קען פיהרען אז דאָס אונבעוועגליכע פערמעגען זאָל יעדעס מאָל פאַלען אין פרייז און דאן זאָל גאַר אונמעגליך זיין עפּעס צו פערקויפען. אין דעם פאַל ווערט די עובדא פון דער „קאָמפּאַניע" אלס גיטער־פערמיטלעריו, א גאַנץ נייע זאַך. די „קאָמפּאַניע" ווערט די פערוואַלטעריו פון דעם פערלאָזענעם אונבעוועגליכען פערמעגען און ווארט אָב די גינסטיגע צייט פון א פערבעסערונג. זי קאַסירט איין הויז־צינזען, פערדינגט לאַנד־גיטער, און זעצט אריין געשעפטס־פיהרער, אָדער גאָר ארענדאַרס. די „קאָמפּאַניע" וועט איבעראל האָבען דעם ציעל גרינגער צו מאַכען די מעגליכקייט פאר די ארענדאַרס — קריסטען — זיי זאָלען קענען דאָס אייגענטהום קויפען. די „קאָמפּאַניע" וועט איבערהויפט מיט דער צייט האָבען אין אלע איהרע אייראָפּעאישע אנשטאַלטען נאָר קריסטליכע בעאַמטע און פרייע פערטרעטער (אדוואָקאַטען א. ז. וו.) און זיי זאָלען דורכאויס ניט זיין קיין אידישע קנעכט. זיי ווידער, די קריסטליכע פערטרעטער, וועלען אָבגעבען חשבון צו די קאָנטראָל־בעאַמטע פון דער קריסטליכער בעפעלקערונג, כדי אלעס זאָל געפיהרט ווערען אין גוטער אָרדנונג.

אין דער זעלבער צייט וועט די „קאָמפּאַניע" אויפטרעטען אלס גיטער־פערקויפעריו, אָדער, בעסער געזאָגט, אלס גיטער־אויסטוי־

שערין. זי ווערט געבען פאר א הויז א הויז, פאר א גוט א גוט, דאָס הייסט דאָרט אין נייעם לאנד. אלץ, וועו מעגליך, וועט מען דאָרט, אין נייעם לאנד, גראדע אזוי איינריכטען ווי דאָ איז געווען. און דערביי טאקי עפענט זיך פאר דער קאָמפאניע א קוואל פון א גרויסען ערלויבטען פערדינסט. זי וועט אויסשטאָטען דאָרט, אין נייעם לאנד, שענערע, מאָדערנע און בעקוועמע הייזער און אויך גע־ בען בעסערע לאנד־גיטער, וואָס קאָסטען דערצו פיעל וועניגער איי־ דער די אלטע, ווייל די „קאָמפאניע" האָט געקויפט גרונד און באָדען ביליג.

דאָס קויפען פון לאנד.

די „אידישע געזעלשאפט", אויסער דעם וואָס זי וועט האָ־ בען א פעלקער־רעכט איבער דעם לאנד, מוז זי אויך זעהען ער־ ווערבען א פריוואט־רעכט.

די ענינים וואָס זיינען נוגע דער בעזעצונג פון יחיד, ווערען אין דער אויספיהרונג פון דיעזען ווערק ניט בעהאנדעלט. אבער די קאָמפאניע דארף האָבען גרויסע לאנד־שטרעקען פאר איהרע און פאר אונזערע בעדירפנישען. זי וועט מוזען זיכערן דעם נויטיגען באָדען דורך צענטראליזירטען איינקויף. הויפטזעכליך אבער וועט עס זיך האנדלען, אבצוקויפען די גיטער, וואָס בעלאנגען יעצט צום לאנד־אָדעל און צו דער רעגירונג. דער ציעל איז צו קומען אהין ניט פערראורזאכענדיג אז די פרייזען פון באָדען זאָלען אונגעהייער שטייגען, גראדע ווי מיר ווילען דאָ פערהיטען. די פרייזען זאָלען ניט פאלען. אז דער פרייז וועט דערביי געטריבען ווערען אונגעהייער, דארף מען קיין מורא ניט האָבען, ווייל דעם ווערט פון לאנד ברענגט די „קאָמפאניע" מיט זיך, און זי אָרדענט איין די בעזיצונגען אונ־ טער דער השגחה פון דער „אידישער געזעלשאפט". די לעצטע וועט אויך דערפאר זאָרגען, אז פון דער אונטערנעמונג זאָל ניט ווערען קיין פאנאמא, זאנדערן א זועץ*)

---

*) די אידישע לעזער זיינען געווים בעקאנט מיט דעם סקאנדאל פון דעם פאנאמא קאנאל. עס איז אויך בעוואוסט דער גרויסער ערפאָלג

די „קאַמפּאַניע" וועט געבען צו איהרע בעאַמטע ביליגע בוי־פּלעצער און אום צו בויען שעהנע וואָהנונגען, זיי בעוויליגען אַ לאַנג־אַבצאַהלענדען קרעדיט און עס טהיילוויז אַבציהען פון זייער געהאַלט. דאָס וועט, נעבען דער עהרע וואָס זיי ערוואַרטען, אויך זיין אַ זאָרט בעלוינונג.

דער גאַנצער פערדינסט פון דער לאַנד־ספּעקולאַציאָן זאָל גע־הערען צו דער „קאַמפּאַניע", ווייל זי איז פּונקט אַזוי אויסגעזעצט דער געפאַהר צו פערלירען ווי אַן אַנדער פרייער אונטערנעהמער.

דאַס בויען.

די „קאַמפּאַניע" וועט אַלזאָ אויסבייטען הייזער און גיטער. זי מוז דערביי געווינען גרונד און באָדען. דאָס אַלץ פערשטעהט יעדער וואָס האָט בעטראַכט די העכערונג פון ווערטה פון באָדען, וואָס ווערט פעראורזאַכט דורך קולטור־פאָרטשריטע. אַמבעסטען האָט מען דאָס בעמערקט, ביי די פרייע פּלעצער וואָס ווערן אַנגע־שלאָסען אָן שטאָדט און דאָרף. די ניט באַבויטע פּלעצער שטיי־גען אין ווערטה, דורך דעם קולטור־קראַנץ וואָס ווערט ארום זיי געלעגט. אַ גוטען ביישפּיעל פון אַזאַ מין באָדען־ספּעקולאַציאָן איז געוועזען די פּאַריזער שטאָדט־פערגרעסערונג. די הייזער וואָס מען האָט אָנגעפאַנגען צו בויען אויף דעם צוגענומענעם פּלאַץ, האָט מען ניט געשטעלט נעבען דער שטאָדט, זאָנדערן אוועק צו ענד פון דעם ליידיגען פּלאַץ. דורך דיזען אומגעקעהרטען גאַנג פון בויען איז געוואַקסען זעהר שנעל דער פּרייז פון די פערשיעדענע שטיקער באָ־דען פאַר הייזער. און אַנשטאָט ווייטער צו בויען די לעצטע הייזער פון דער שטאָדט, האָט מען אָנגעפאַנגען צו בויען אין מיטען שטאָדט.

ווען די „קאַמפּאַניע" אַליין בויען אָדער דאָס איבערגעבען צו

פון דעם זועץ קאַנאַל, דער פּראָפעסער וויל דאָ זאָגען, אַז די „געזעלשאַפט" וועט פערהיטען אַ סקאַנדאַל און פיהרען צו אַ זיכערען ערפאָלג.

פרייע ארכיטעקטען? זי קעןביידע זאכען טהאָן און וועטביידע זאכען אויך טהאָן. זי האָט, ווי עס וועט זיך באלד ארויסווייזען, א געוואלדיגען זאַפּאַס פון ארבייטס־קרעפטען, וועלכע וועלען דורכ־אויס ניט געשונדען ווערען אויף דעם קאפּיטאַליסטישען אופן, זאָנ־דערן, זיי וועלען געבראַכט ווערען אונטער גליקליכע און אנגענעהמע בעדינגונגען איין לעבען, און זיי וועלען דאָך ניט טהייער קאָסטען. פאר בוי־מאטעריאל וועלען האָבען געזאָרגט אונזערע געאָלאָגען, ווען זיי וועלען זוכען די בוי־פּלעצער אום שטעדט אויפצוריכטען.

ארבייטער-וואָהנונגען.

די ארבייטער־וואָהנונגען (אונטער וועלכע מען רעכענט שוין אויך די וואָהנונגען פון אלע האנד־ארבייטער), זאָלען אויף אייגע־נער רעכענונג אויפגעבויט ווערען. איך מיין ניט דורכאויס דארונ־טער אָזעלכע וואָהנונגען ווי די טרויעריגע ארבייטס־קאַזארמעס פון די אייראָפּעאישע שטעדט, און אויך ניט די צרה'דיגע שטיבלעך וואָס שטעהען ארום זיי און רופען זיך פאבריקען. אונזערע אר־בייטס־הייזער מוזען אפילו אויך זיין פון איין פאָרמע, — ווייל די „קאָמפּאַניע" דארף האָבען ביליגערע ארבייט און עס וועט אויך קאָסטען ביליג ווען מען וועט מאכען א גרויסע בעשטעלונג, — אבער דיעזע איינציגע הייזער מוזען איבעראל האָבען א גארטען פאר זיך און זיי זאָלען צוזאמען בילדען א גאנץ שעהנע קערפּערשאַפט. די נאַטירליכע בעשאַפענהייט פון דער געגענד וועט דערוועקען דעם גייסט פון אונזערע אונגעאיבטע ארכיטעקטען, און ווען דאָס פאָלק וועט אפילו דעם גרויסען צוזאמענהאנג ניט פערשטעהן, וועט עס זיך וועניגסטענס גליקליך פיהלען אין דער גרופּירונג. דער טעמפּעל וועט קענען פון ווייטענס געזעהן ווערען, ווייל דער אלטער גלויבען האָט אונז דאָך צוזאמען געהאלטען. און דערצו וועלען זיין פריינד־ליכע, ליכטיגע, געזונדע שולען פאר אונזערע קינדער, מיט אלע מאָ־דערנע לעהר־מיטלען. אויסער דעם — האנדווערקער־פאַרט־ביל־דונגס־שולען, וואָס זאָלען האָבען די אויפגאבע צו פיהרען דעם ארבייטער נאָך העכערע צוועקען, ווי צו ערווערבען און זיך בעקענען

מיט דער מאַשינערייַ. דאַן אונטערהאַלטונגס־הייזער פאַר דעם פאָלק, וועלכע די „אידישע געזעלשאַפט“ וועט פיהרען פון אויבען אַרונטער פאַר די זיטליכקייט.

סע זאָל יעצט איבערהויפּט גערעדט ווערען פון דעם בויען, און ניט פון דעם וואָס וועט פאַרקומען אינעווענינ.

איך זאָג, אַז די אַרבייטער־וואָהנונגען וועט די „קאָמפּאַניע“ ביליגער בויען. ניט דערפאַר ווייל אַלע בוי־מאַטעריאַלען וועלען דאָרט זיין אין גרויסע מאַסען; ניט נאָר דערפאַר ווייל דער גרונד געהערט צו דער „קאָמפּאַניע“, זאָנדערן אויך דערפאַר, ווייל זי וועט פאַר דעם ניט דאַרפען בעצאָהלען צו די אַרבייטער.

די פאַרמערס פון אַמעריקא האָבען איינגעפיהרט אַ סיסטעם, איינער דעם אַנדערן צו העלפען ביי דעם אויפבויען פון הייזער. דיעזע איינפאַכע סיסטעם קען נאָך פערפיינערט ווערען.

די „אונגעלערענטע“ אַרבייטער.

אונזערע אונגעלערענטע אַרבייטער, וועלכע וועלען קומען צוערשט פון דעם גרויסען רוסישען און רומענישען רעזערוואָאַר, מוזען זיך אויך בויען די הייזער געגענזייטיג. מיר וועלען אין אַנפאַנג גאָר ניט האָבען קיין אייגענע אייזען און וועלען מוזען בויען מיט האָלץ. דאָס וועט אַבער שפּעטער אַנדערש ווערען, און די נויטווענדיגע הייזער פון האָלץ פאַר דער ערסטער צייט, וועלען דאַן אומגעביטען ווערען אויף בעסערע.

אונזערע „אַנסקילד לייבאָרער“ וועלען ערשטענס בויען זייערע וואָהנונגען און זיי וועלען שוין עפּעס לערנען דערפון. זיי ערווערבען דאַן דורך דער אַרבייט אויך די וואָהנונגען אַלס אייגענטום— געוויס ניט באַלד, זאָנדערן ערשט דאַמאָלט ווען זיי פיהרען זיך אויף גוט גאַנצע 2 אָדער 3 יאָהר. אויף אַזא אופן קריגען מיר פלייסיגע און פעהיגע מענשען, ווייל אַ מענש, וואָס האָט זיך 3 יאָהר גוט אויפגעפיהרט, איז שוין ערצויגען פאַר דעם לעבען.

איך האָב פריהער געזאָגט, אַז די „קאָמפּאַניע“ וועט ניט דאַרפען בעצאָהלען די „אונגעלערענטע“ אַרבייטער. יאַ, פון וואַנען וועלען זיי דען לעבען?

איך בין אין אלגעמיין געגען דעם טראַק־סיסטעם*). ביי די ערשע לאַנד־נעהמער אַבער, זאָל עס פּאַרט אַנגעווענדעט ווערען. די „קאָמפּאַניע" מוז זאָרגען אין אַזוי פּיעל בעציהונגען פאַר זיי, אַז עס איז איהר פליכט אויך זיי צו שפּייזען. דאָס טראַק־סיסטעם זאָל איבערהויפּט גילטען נאָר פאַר די ערשטע יאָהרען און וועט אויך פאַר די ארבייטער זיין אַ גרויסע טובה, ווייל דאָס פערהינדערט אויסגעזויגען צו ווערען דורך פּראַצענט פון קליין־הענדלער, שיינקער א. ז. וו. די „קאָמפּאַניע" וועט דערמיט מבטל זיין די בעשעפטיגונג פון הויזירער־האַנדעל, מיט וועלכע אונזערע קלענערע מענשען בעשעפטיגען זיך דאָ אַזוי אָפט, ווייל זיי זענען דערצו געצוואונגען געוואָרען דורך אַ געשיכטליכע ענטוויקלונג. און די „קאָמפּאַניע" האַלט דערמיט אין די הענד די שיכורים און אויסברענגער. „און אין דער ערשטער צייט וועט גאָר ניט געבען קיין ארבייטער־לוין?" — דערפאַר אבער וועט זיין איבער־לוין.

דער זיבען-שטונדיגער-טאָג.

דער געוועהנליכער ארבייטס טאָג איז דער זיעבען־שטונדיגער טאָג.

דאָס הייסט ניט, אַז יעדען טאָג מוז מען נאָר 7 שטונדען לאַנג האַקען בוימער, גראַבען ערד, פיהרען שטיינער, אָדער די הונדערט פערשידענע ארבייטען מאַכען. ניין; מען וועט 14 שטונדען ארבייטען. אבער די ארבייטער־טרופּען וועלען איינע די אנדערע אומבייטען נאָך 3½ שטונדען בעשעפטיגונג. די אָרגאַניזאַציאָן וועט געפיהרט ווערען גאַנץ מיליטעריש, מיט באַפעהלען, אָפיציערען־ראַנג און פענסיעס. פון וואַנען מען זאָל נעהמען די פענסיעס, וועט שפּעטער ערקלעהרט ווערען.

---

*) טראַק־סיסטעם איז פון ענגלישער אבשטאַמונג, אָבער שוין אָנגענומען אין דער אינטערנאַציאָנאַלער פּאָליטיש־עקאָנאָמישע שפּראַך. עס בעדייט: די בעצאַהלונג פון פאַבריק־אַרבייטער מיט סחורה אנשטאָט

אין דריי און א האלב שטונדען דורכאנאנד, קען א געזונטער מענש זעהר פיעל ארבייט ארויסגעבען. נאך 3½ שטונדען אויסרוּ־הען זיך — וועלכע ער ווידמעט זיין רוה, זיין פאמיליע, זיין ביל־דונג — איז ער וויעדער פריש. אזעלכע ארבייטס־קרעפטען קענען בעווייזען וואונדער.

דער זיבען־שטונדיגער טאַג! ער מאכט מעגליך 14 אלגעמיינע ארבייטס־שטונדען — מעהר געהט שוין אין דעם טאַג ניט אריין.

איך האַב אויסער דעם די איבערצייגונג, אז דער זיעבען־שטונ־דיגער טאַג איז פאָלקאָם מעגליך דורכצופיהרען. מען קען שוין די פּראָבען אין בעלגיען און ענגלאנד. איינצעלנע פאַרטגעשריטענע סאַציאַל־פּאָליטיקער בעהויפּטען זאָגאר, אז דעם פינף־שטונדיגען טאַג איז אויך פאָלקאָמען מעגליך דורכצופיהרען. די „אידישע גע־זעלשאפט“ און די „אידישע קאָמפּאַניע“ וועלען האָבען א געלעגענ־הייט צו זאמלען ערפאהרונגען, וועלכע זאָלען אויך נוצען פאר די איבעריגע פעלקער. און ווען עס וועט זיך ארויסווייזען, אז דער זיעבען־שטונדיגער טאַג ליגט אין דער פּראַקטישער מעגליכקייט, דאַן וועט איהם אונזער קינפטיגער שטאַט איינפיהרען אלס דעם געזעצליכען ארבייטסטאַג.

נאָר די „קאָמפּאַניע“ וועט שטענדיג ערלויבען איהרע ארביי־טער דעם 7־שטונדיגען־טאַג. זי וועט עס אויך שטענדיג קענען טהאָן.

דעם 7־שטונדיגען טאַג בעדאַרפען מיר אבער אויך, אום מיט איהם ארויסצושיקען אן אויפרוף צו אונזערע ברידער, אז זיי זאָ־לען צו אונז קומען מיט'ן פרייען ווילען. מיר מוזען טאקי ווירקליך האָבען א געלויבט לאנד.

ווער עס ארבייט אבער מעהר פון 7 שטונדען, דער קריגט פאר די איבעריגע צייט אויסגעצאָהלט אין געלד. נאָכדעם ווי אלע זיינע בעדירפניסען זיינען געדעקט, און נאָכדעם ווי זיינע ארבייטס־אונפעהיגע קרובים ווערען אריבערגעשיקט פון די צענטראַלע צדקה־אנשטאַלטען, מוז ער דאַן עפּעס שפּארען. אויסער דעם ווי־לען מיר אויך ערוועקען ביי אונזערע ברידער א חשק צו שפּארען געלד, ווייל אזא מידה טרייבט צו העכערע שטופען יעדע איינציגע פּערזאָן, און ווייל מיר וועלען אויך דערמיט קענען בילדען אן אונ־געהייער גרויסען קאַפּיטאַל־רעזערוואַר פאר קינפטיגע הלואות.

די איבער־צייט פון דעם 7־שטונדיגען טאַג, דאַרף ניט מעהר

דויערן ווי 3 שטונדען. און דאָס אַליין מוז אויך געשעהן ערשט נאָך ערצטליכער אונטערזוכונג. ווייל אונזערע ברידער וועלען זיך אין גייעם לעבען שפּארען צו דער ארבייט, און די וועלט וועט ערשט ארויסזעהן וואָס פאר אַן ארבייטזאַמעס פאָלק מיר זיינען.

ווי דאָס טראַק־סיסטעם איז איינצוריכטען, פיהר איך יעצט ניט אויס גלייך מיט אנדערע אונצעהליגע איינצעלהייטען, כדי ניט צו פערטומלען. די פרויען וועלען איבערהויפּט ניט צוגעלאָזען ווע־רען צו שווערע ארבייטען און זיי דארפען אויך ניט מיטמאַכען קיין איבער־צייט.

שוואַנגערע פרויען זיינען בעפרייט פון אירגענד אַן ארבייט און וועלען פון טראַק רייכליך געשפּייזט ווערען. דאָס איז, ווייל מיר דארפען פאר די צוקונפט שטאַרקע דורות.

די קינדער וועלען מיר ערציהען ווי מיר ווילען פון אנפאנג אַן. דארויף וועל איך יעצט קיין ערקלערונג ניט געבען.

וואָס איך האָב פריהער געזאָגט איבער די ארבייטער־וואָהנונ־גען און איבער דעם זאָרט לעבען פון די „אונגעלערענטע“ ארביי־טער, איז גראדע אזוי ווייניג אוטאָפּיע, ווי דאָס איבריגע. דאָס אַלעס קומט שוין פאָר אין דער ווירקליכקייט, אבער זעהר קליין, אונבעמערקט און ניט פערשטאַנען. פאר דער לעזונג פון דער אי־דענפראגע, איז ביי מיר געווען פון גרויסען ווערטה, די „ארבייטס־הילף“ וואָס איך האָב אין פאריז געלערענט צו פערשטעהן.

די ארבייטס-הילף.

די ארבייטס־הילף ווי זי בעשטעהט יעצט אין פאריז און אין פערשיעדענע אנדערע פראנצויזישע שטעדט, ווי אויך אין ענגלאנד, שווייץ און אין אמעריקא, איז זעהר קליין, אבער דאָך קען מען דערפון מאַכען דאָס גרעסטע.

וואָס איז דער פרינציפּ פון „הילף דורך ארבייט“?

דער פרינציפּ איז, וואָס מען גיט יעדען נויטבעדירפטיגען „אונגעלערענטען“ ארבייטער, אַ לייכטע אונגעלערנטע ארבייט. ווי צום ביישפּיעל: האָלץ האַקען, מאַכען פעקלאך ברען־האָלץ, מיט

וועלכע מען מאכט אין די פּאַריזער הייזער פייער. עס איז א הויז־אַרבייט פאר געפאַנגענע פאר אזוינע פערברעכענס, ביי וועלכע מען פערליערט ניט די עהרע. קיינער דאַרף זיך מעהר ניט ווענדען צו פערברעכען, ווען ער וויל אַרבייטען. פאר הונגער דאַרף מען מעהר קיין זעלבסטמאָרד ניט בעגעהען. דאָס איז שוין אבער סאי־ווי־סאי דער גרעסטער שאַנד־פלעק פון א קולטור, ווען מען דאַרף וואַרפען פון טיש פון די רייכע א ביינדעל פאר די אָרימע.

די אַרבייטס־הילף פערלירט נאַטירליך די 10 סאַנטים. די דעם אבגאַנג פאר די פּראָדוקטען? ניין, אָדער וועניגסטענס ניט גענוג אבגאַנג. אַט דאָ ליגט די שוואכע זייט פון דער בעשטעהענ־דער אָרגאַניזאַציאָן. דיזע הילף אַרבייט אימער מיט פערלוסט. עס איז דאָך א צדקה־אַנשטאַלט. דאָס אויסגעבען שטעהט דאָ צווישען די הוצאות און די הכנסות פון די פּרייזען. אַנשטאָט צו געבען דעם בעטלער א נדבה 2 סו (א סענט בערך) גיט מען איהם אַרבייט, אַן וועלכער מען פערלירט צוויי סו. דער לומפּיגער בעטלער אבער, וועלכער איז געוואָרען אַן אַרבייטער, פערדינט דאַן אַנדערהאַלבען פראַנק. פאר 10 סו 150! דאָס הייסט, די נדבה וואָס איז ניט מעהר א שאַנדע, איז געוואָרען 15 מאָל אזוי פיעל, פון איין מיליאַרד, האָט מען געמאַכט 15 מיליאַרד.

די אַרבייטס־הילפע פערלירט נאַטירליך די 10 סאַנטים. די „אידישע קאָמפּאַניע" וועט דעם מיליאַרד ניט פערלירען, זאָנדערן זעהר פיעל פערדינען.

דערצו קומט דאָס מאָראַלישע. דורך דער קליינער אַרבייטס־הילף, ווי זי עקזיסטירט יעצט, ווערט שוין אויך זעהר פיעל דער־גרייכט. עס איז די זיטליכע דערהאַלטונג פון דער אַרבייט, ביז דער לעדיג־געהער פּאַסט זיך צו א בעשעפטיגונג לויט זיינע פעהיגקייטען, ענטוועדער אזעלכע ווי ער האָט אמאָל געהאַט, אָדער איינע וואָס ער האָט זיך אויסגעלערנט. ער האָט יעדען טאָג פריי עטליכע שטונ־דען, טאַקי דורך דער אַרבייט־הילף אליין, און ער קען זוכען וואָס ער וויל.

ביז אהער האָט מען זיך נוהג געווען, דאָס מען האָט ניט בע־דאַרפט קאָנקורירען מיט די האַלץ־הענדלער א. ז. וו. די האַלץ־הענד־לער זיינען וועהלער, זיי וועלען שרייען און זיי וועלען האָבען רעכט. מען דאַרף אויך ניט קאָנקורירען מיט די הויז־אַרבייט פאר געפאַנ־

גענע פון שטאַט: דער שטאַט מוז בעשעפטיגען זיינע פערברעכער און מוז זיי ערנעהרען.

אין איין אַלטער געזעלשאַפט איז איבערהויפּט זעהר שווער צו שאַפען אַ פּלאַץ פאַר דער ארבייטס־הילף.

אבער אין אונזער נייע!

פאַר אַלעמען נויטיגען מיר זיך זעהר אין פיעל אונגעלערענטע ארבייטער פאַר אונזער לאַנד. שטראַסען, וועלדער־פלאַנצונג, א. ז. וו. דאַס וועט פון אַנפאַנג אַן דורכגעפיהרט ווערען נאָך אַ גרויסען פּלאַן.

דער מאַרק-פערקעהר.

דערמיט וואָס מיר פיהערן אריבער די ארבייט אין אַ נייעם לאַנד, ברענגען מיר אויך אריבער דעם מאַרק־פערקעהר, אין אַנ־פאַנג, נאַטירליך, בלויז אַ מאַרק פון די ערסטע לעבענס־מיטלען: בהמות, תבואה, ארבייט־קליידער, ווערקצייג, סחורות, א. ז. וו. דאַ־מאַלט וועלען מיר דאָס איינקויפען אין די מדינות פון אונזערע שכנים, אָדער גאַר ברענגען פון איירָאפּאַ. מיר וועלען אבער באַלד זובען זיך צו מאַכען זעלשטענדיג. די אידישע אונטערנעהמער וועלען גלייך פערשטעהן, וואָס פאַר אויסזיכטען עס עפענען זיך פאַר זיי.

מיט דער צייט וועלען דורך דער גרויסער מאַסע קאָמפּאַניע־בעאַמטע אריבערגעבראַכט ווערען פיינערע בעדירפניסע. (צו די בעאַמטע רעכען איך אויך צו די בעאַמטע פון די שוץ־טרופּען, וועלכע דאַרפען שטענדיג צעהלען אונגעפעהר אַ צעהנטעל פון די מענ־ליכע איינוואוינער. דאָס וועט זיין גענוג געגען דעם אויפשטאַנד פון שלעכטע מענשען; מייסטענטהיילס איז דאָך דער עולם געניינט פאַר שלום).

די פיינערע בעדירפניסע פון די העכערע בעאַמטע, פעראור־זאַכען ווידער אַ פיינערען מאַרק, וועלכער האַלט אין וואַקסען. די פערהייראַטע ברענגען אריבער זייערע פאַמיליען. די ניט־פערהייראַ־טע ברענגען די עלטערן און שוועסטער, אַזוי שנעל ווי זיי האָבען זיך שוין אויסגעבויט אַ היים. מיר זעהען אויך די בעוועגונג ביי די

אידען, וועלכע וואנדערן אוים נאך די פעראייניגטע שטאטען: ווי איינער האט נאר צו עסען א שטיקעל ברויט, לאזט ער גלייך זיינע קרובים צו איהם קומען. ביי די אידען איז דער פאמיליען־בונד זעהר שטארק. די „אידישע געזעלשאפט" און די „אידישע קאמפאניע" וועלען ארבייטען צוזאמען, אום די פאמיליע נאך ווייטער צו שטארקען און ערנעהרען. איך מיין דא ניט דאס מאראלישע — דאס פערשטעהט זיך שוין אליין — זאנדערן דאס מאטעריעלע. די בעאמטע וועלען קריגען פרויען און קינדער. מיר בעדארפען מענשען, אלע וואס זיינען דא און אלע וואס וועלען נאכקומען.

אנדערע זארטען הייזער.

איך האב פערלאזען דעם הויפט־שנור פון דער אבהאנדלונג ביי דעם בויען פון ארבייטער־וואהנונגען אונטער אייגענער פערוואלטונג. יעצט קעהר איך זיך צוריק צו אנדערע, ארטען הייזער. אויך פאר די קליין־בירגער וועט די קאמפאניע דורך איהרע ארכיטעקטען לאזען בויען הייזער. דאס וועט זיין ענטוועדער אויסגעביטען אויף זאכען אדער אויף געלד. די „קאמפאניע" וועט לאזען פערפערטיגען דורך איהרע ארכיטעקטען אונגעפעהר הונדערט מינים הייזער. דיזע שעהנע מוסטערן וועלען אין דערזעלבער צייט בילדען אויך א טהייל פון דער פראפאגאנדא. יעדער הויז וועט האבען זיין פעסטען פרייז. פאר די גוטע אויספיהרונג גאראנטירט די „קאמפאניע", ווייל זי וועט פון דעם הייזער־בויען גאר ניט פערדינען. „יא, אבער וואו וועלען דיעזע הייזער שטעהען?" דאס וועט אנגעוויזען ווערען ביי די ארטס־גרופען.

אזוי ווי די „קאמפאניע" וויל אן דער בוי־ארבייט גאר ניט פערדינען, נאר ביי דעם גרונד און באדען, וועט מען געווים זוכען אזוי פיעל פרייע ארכיטעקטען ווי נאר מעגליך, זאלען בויען אין פריוואט־אויפטראג. דאדורך קומט אריין לוקסוס אין לאנד, און דעם לוקסוס בעדארפען מיר אויך צו פערשיעדענע צוועקען: פאר דער קונסט, אינדוסטריע, און, שפעטער, פאר דעם צופאלען זיך פון גרויסען פערמעגען.

די רייכע אידען, וועלכע בעהאלטען יעצט מיט מורא זייערע

אוצרות און פעראנשטאַלטען זייערע ימים טובים אונטער אראַב־געלאַזענע פּאַרהאַנגען, וועלען דאָרט, אין נייעם לאַנד, קענען געני־סען פון זייער האָב און גאָב פריי און אונגעשטערט. ווען דיזע אויסוואַנדערונג פעראייניגט זיך מיט זייער הילף, דאַן וועט דאָס קאַפּיטאַל אין נייעם לאַנד זיין אין עהרע; עס וועט צייגען די גרויסע נוצען וואָס עס קען ברענגען. ווען די רייכע אידען בויען זייערע פּאַלאַסטען אין אייראָפּא, קוקט מען אויף זיי מיט קרומע אויגען, אָבער ווען זיי וועלען דאָס טהאָן אין נייעם לאַנד, וועט עס באַלד ווערען מאָדערן און אויסזעהען, ווי פּרעכטיגע שעהנע הייזער אָהן קנאה און שנאה.

איינינע פאָרמען פון געשעפט-אויפלעזונג.

די „אידישע קאָמפּאַניע" ווערט פאָרגעשטעלט אלס איבער־נעהמער אדער אדמיניסטראַטאָר פון דעם אידישען אונבעוועגליכען פערמעגען.

ביי הייזער און גיטער לאָזט זיך דאָס אַלץ גאַנץ לייכט ערקלע־רען. אָבער ווי וועט דאָס זיין מיט די געשעפטען?

עס וועלען זיין פערשידענע פאָרמען, מען קען פאָראויס גאָר ניט בעשטימט זאָגען דאַריבער. און דאָך איז אין דעם גאָר ניטאָ קיין גרויסע שוועריגקייט, ווייל אין יעדען איינצעלנעם פאַל, וועט דער אייגענטהימער פון געשעפט, ווען ער בעשליסט אויסצוואַנ־דערן, זיך קענען גאַנץ לייכט איינפערשטעהען וועגען דער פאָרמע פון געשעפט־אויפלעזונג מיט דעם צווייג פון דער „קאָמפּאַניע".

ביי קליינע געשעפטס־לייט, וואו די פּערזענליכע בעטייליגונג פון בעל־הבית איז די הויפטזאַך און דאָס ביסעל סחורה איז די נעבענזאַך, לאָזט זיך זעהר לייכט דורכפיהרען די פערמעגענס־פערפלאַנצונג. פאַר זיין פּערזענליכע טהע־טיגקייט גיט איהם די „קאָמפּאַניע" א פלאַץ, וואו זיין ארבייט זאָל ווידער האָבען דעמזעלבען ווערטה, און פאַר זיין סחורה — א שטיק גרונד מיט א מאַשינען־קרעדיט. אונזערע שאַרפ־זיניגע ברידער וועלען זיך באַלד אויסלערנען וואָס זיי האָבען צו טהאָן אין דער נייער טהעטיגקייט. אידען, ווי בעקאַנט, פּאַסען זיך

זעהר שנעל צו צו יעדער ארבייט. אויף אזא אופן קענען פיעל סוחרים זיך אנהויבען צו בעשעפטיגען מיט דער קלענסטער אינדוסטריע און לאנד־ווירטשאפט. עס קען אפילו אויסזעהן, אז די „קאמפאניע" פערלירט דערביי וואס זי נעהמט איבער דאס אינבעדייטענדע פערמעגען פון די ארימע. אבער אין אמת'ן פערדינט זי דערביי זעהר פיעל, ווייל ארימע הויבען אן צו קולטיווירען געוויסע שטרעקען לאנד, דורך וועלכען אנדערע שטרעקען לאנד קריגען א ווערטה.

אין מיטעלמעסיגע געשעפטען, וואו די סחורה און איינריכטונג איז גראדע אזוי וויכטיג אדער נאך וויכטיגער ווי די פערזענליכע בעטייליגונג פון דעם אייגענטהימער, און וועמעס קרעדיט שפיעלט א גרויסע ראלע, — אין אזא פאל געפינען זיך פערשידענע אופנים פון געשעפטס־אויפלעזונג. דאס איז אויך דער הויפט־פונקט, אויף וועלכען עס דארף קענען געפיהרט ווערען די אינערליכע וואנדערונג פון די קריסטען. דער אויסוואנדערענדער איד פערלירט ניט זיין פערזענליכען קרעדיט, זאנדערן ער נעהמט איהם מיט, און ער וועט איהם פערווענדען ביי זיין עטאבלירונג אין נייעם לאנד. די „אידישע קאמפאניע" ערעפענט פאר איהם איין זשירא־קאנטא פאר אנווייזונגען. זיין ביזהעריגער געשעפט קען ער אויך פריי פערקויפען אדער לאזען פיהרען דורך דער פערמיטלונג פון דער „קאמפאניע". דער געשעפט־פיהרער קען שטעהען אין די פערהעלטניסע אלס ארענדאר, אדער דאס געשעפט דורך אבצאהלונגען אויסקויפען. די „קאמפאניע" זארגט שוין, דורך איהרע משגיחים און אדוואקאטען, פאר די פערוואלטונג פון די פערלאזענע געשעפטען און פאר די פינקטליכע צאהלונגען. די „קאמפאניע" איז דא דער פערטרעטער פון די אבוועזענדע. ווען א איד קען אבער זיין געשעפט ניט פערקויפען און טרויט עס ניט אן קיין בעפאלמעכטיגטען, זאנדערן ער וויל עס ניט אויפגעבען, דאן בלייבט ער אויף זיין יעצטיגען וואהנארט. אויך דיעזע צוריק־בלייבענדע, פערערגערן ניט זייער יעצטיגע לאגע; זיי זיינען זעהר גוט פאר דער קאנקורענץ פון די אויסוואנדערענדע, און דער אנטיסעמיטיזמוס מיט זיין „קויפט ניט ביי אידען!" האט אויפגעהערט.

ווען דער אויסוואנדערער אין נייעם לאנד וויל ווידער אנפאנ־

גען דאַסזעלבע געשעפט, קען ער זיך פון פריהער דארויף איינריכ־טען.

לאָמיר געבען א ביישפּיעל: די פירמע נ. האַט א גרויסעס מאָדע־געשעפט. דער אייגענטהימער וויל אויסוואַנדערען. זיין ערש־טער טריט איז, צו עטאַבלירען אין זיין קינפטיגען וואָהנאָרט א צווייג־האַנדלונג, וואוהין ער שיקט אַוועק די סחורה וואָס איז אַרויס פון מאָדע. די ערשטע אַרימע דאָרטיגע איינוואַנדערער ווערען זיינע קונאים. דאַן שיקט נ. נייערע זאכען און ענדליך די נייעסטע. די צווייג־האַנדלונג הויבט זיך אָן צו בעצאָהלען, בשעת דאָס אַלטע געשעפט עקזיסטירט נאָך. ענדליך האָט נ. צוויי געשעפטען. דאָס אַלטע פערקויפט ער, אָדער ער גיט עס איבער צו זיין קריסטליכען פערטרעטער צום פיהרען; ער אַליין פאָהרט אַוועק אין זיין נייעס־געשעפט.

א גרעסערער ביישפּיעל: „מ. און זאָהן" האָבען אַן אויסגעאָר־בייטעטען קוילען־געשעפט מיט בערג־ווערק און פאַבריקען. ווי לאָזט מען אויף אזא ריזיגע פערמעגען? דאָס קוילען־בערג־ווערק מיט אַלעמען וואָס געפינט זיך דאָרט, קען ערשטענס פון דעם שטאַאַט, וואו עס געפינט זיך, אָבגעקויפט ווערען. צווייטענס קען עס גאָר די „אידישע קאָמפּאַניע" ערווערבען, און דעם קויף־פּרייז אויס־צאָהלען, א טהייל אין אייגענטהום פון דעם נייעם לאַנד, און א טהייל אין באַרעס געלד. א דריטע מעגליכקייט וואָלט געווען די גרינדונג פון אַן אקציען־געזעלשאַפט אונטער דעם נאָמען „מ. און זאָהן." א פיערטע, דאָס ווייטערע בעטרייבען ווי עס איז ביז יעצט געוועזן, מיט דעם איינציגען אונטערשיעד, וואָס די אויסגע־וואַנדערטע אייגענטהימער וואָלטען געוועזן אויסלענדער. און אזעל־כע האָבען דאָך אויך א פאָלשטענדיגען רעכט־שוץ, לויט ווי עס פיהרט זיך יעצט אין אַלע ציוויליזירטע לענדער. דאָס אַלץ זעהט מען טאָג טעגליך אין לעבען. א פינפטע, איבערהויפּט פרוכטבאַרע און גרויסאַרטיגע מעגליכקייט, וועיז איך נאָר אָן, ווייל אזעלכע גע־פינען זיך זעהר ווענינע און שוואַכע ביישפּיעלע אין לעבען. „מ. און זאָהן" קענען איבערגעבען זייער אייגענטהום צו זייערע יעצטיגע אַנגעשטעלטע פאַר אַן איינצאָהלונג. די אַנגעשטעלטע פעראייניגען זיך און קענען פּילייכט מיט דער הילף פון דער לאַנ־

דעס־קאַסע, וועלכע נעהמט ניט קיין שווערע פּראָצענטען, אויסצאָה־לען דאָס גאַנצע געלד צו "מ. און זאָהן".

די „אידישע קאָמפּאַניע" וועט אויפלעזען די קלענסטע, גראָדע ווי די גרעסטע געשעפטען. און בעת די אידען וואַנדערן רוהיג אום צו גרינדען די נייע היימאַט, שטעהט דאָ די „קאָמפּאַניע" אַלס די גרעסטע יוריסטישע פּערזאָן, וועלכע פיהרט דעם ארויספאָהר, היט די פערלאָזענע גיטער, גאַראַנטירט פאַר די גוטע אָרדנונג פון דעם אַפּוויקלען די געשעפטען עס זאָל בלייבען דער אייגענער פערמע־גען און פערזאָרגען אויך ווייטער די שוין־אויסגעוואַנדערטע.

גאַראַנטיען פון דער קאָמפּאַניע.

אין וועלכע פאָרמע וועט די „קאָמפּאַניע" גאַראַנטירען, אַז עס זאָל ניט אריינטרעטען קיין פעראָרימונג און קיין ווירטשאַפטליכע קריזיסען אין די פערלאָזענע לענדער?

איך האָב שוין געזאָגט, אַז אַנשטענדיגע אַנטיסעמיטען, וואָס אַכטען אונזער ווערטפאָלע אונאָבהענגיגקייט וועלען צוגעצויגען ווערען אַלס פאָלקסטימליכע קאָנטראָל־בעאַמטע.

אָבער אויך דער שטאַאט האָט פינאַנץ־אינטערעסען, וועלכע קענען געשעדיגט ווערען. וואָס עס איז נוגע בירגער, פערלירט ער אפילו ניט זעהר פיעל, אָבער פינאַנציעל פערלירט ער אַ קלאַס פון גרויסע שטייער־אָבצאָהלער. מען מוז דעם שטאַאט דערפאַר עפּעס געבען וואָס זאָל הייסען ווי אַ שאָדען־ערזאַץ. אָבער דאָס געבען מיר שוין דעם שטאַאט אינדירעקט, דערמיט וואָס מיר לאָזען איהם צוריק די געשעפטען, וואָס מיר האָבען מיט אונזער אידישען פלייס איינגעריכטעט אין לאַנד; דערמיט וואָס מיר לאָזען די קריסטליכע מיט־בירגער בעזעצען די אויפגעגעבענע פּאָזיציעס און וואָס מיר גיבען די מעגליכקייט, אויף אַ פריעדליכען אופן אַז די מאַסען זאָ־לען זיך אויפהייבען צום וואָהלשטאַנד. די פראַנצויזישע רעוואָלו־ציאָן האָט געוויזען עפּעס עהנליכעס אין אַ קליין פאָרמאַט, אָבער דערצו האָט געמוזט פליסען דאָס בלוט דורך דער גילאָטינע אין אַלע פּראָווינצען פון לאַנד, און אַלע שלאַכטפעלדער פון אייראָפּא

זיינען אויך געשוואומען אין בלוט. דאן האט מען געמוזט ברעכען ערוואָרבענע און געערבטע רעכטען, און נאָר די ביטרע קונים פון די נאַציאָנאַל־גיטער זיינען דערביי רייך געוואָרען.

די „אידישע קאָמפּאַניע“ וועט אימשטאַנד זיין צו טהאָן גרויסע טובות פאַר איינצעלנע לענדער. זי וועט קענען איבעראַל פּערקויפען צו די רעגירונגען, אונטער גינסטיגע אומשטענדען, די פּערלאָזענע אידישע גיטער. די רעגירונגען וויעדער קענען דיעזע גיטער אין גרויסע מאסען פערווענדען פאַר געוויסע סאָציאַלע בע־סערונגען.

די „אידישע קאָמפּאַניע“ וועט אויך בעהילפיג זיין די רעגיע־רונגען און פּאַרלאַמענטען אין דער אינערליכער וואַנדערונג פון די קריסטליכע בירגער.

די „אידישע קאָמפּאַניע“ וועט אויסער דעם איינברענגען גרויסע אבצאָהלונגען.

די צענטראַלע האָט איהר זיץ אין לאָנדאָן, ווייל די פּריוואַט־רעכטען פון דער „קאָמפּאַניע“ מוזען שטעהען אונטער דעם שוץ פון א גרויסער מאַכט, וועלכע איז יעצט ניט אַנטיסעמיטיש. ווען מען וועט אבער די „קאָמפּאַניע“ אָפּיציעל אונטערשטיצען, וועט זי קענען איבעראַל ליעפערן א גרויסען שטייער. זי וועט גרינדען אי־בעראַל צווייג־אַנשטאַלטען, וואָס וועלען מוזען צאָהלען שטייערן. דערפאַר וואָס זי וועט דאַרפען שרייבען דאָפּעלטע קאָנטראַקטען פאַר דעם קויף און פּערקויף פון דעם אונבעוועגליכען פּערמעגען, וועט זי אויך מוזען דאָפּעלטע טאַקסען צאָהלען. די „קאָמפּאַניע“ וועט זיך לאָזען געבען דעם קאָנטראַקט פון דעם קויפער, אפילו וואו עס האַנדעלט זיך נאָר אום דער אגענטור אליין. אפילו ווען זי וויל ניט ווערען קיין אייגענטהימעריו, וועט זי אויך מוזען אויף אן אויגענבליק אלס אזאלכע בעטראַכט ווערען.

דאָס זיינען זאַכען וואָס צעהלען זיך אין חשבון. עס וועט שפּעטער ענטשידען ווערען, ווי וויט די „קאָמפּאַניע“ קען זיך אין דעם אריינמישען, אָהן עס זאָל איהר עפּעס קענען דערביי שאַדען. זי וועט גאַנץ פריימוטיהיג דאריבער קענען אונטערהאַנדלען מיט די פינאַנץ־מיניסטאָרען. די מיניסטאָרען וועלען דעם גוטען ווילען איינזעהען, און וועלען געבען דער „קאָמפּאַניע“ די מעגליכקייט איבעראַל איהר גרויסע אונטערנעהמונג דורכצופיהרען.

נאָך אַ וויכטיגער ענין איז דער גיטער־טראַנספּאָרט און מענ־שען־טראַנספּאָרט. אזוי ווי די באַהנען בעלאַנגען כמעט איבעראַל צום שטאַט, בעגרייפט זיך דאָס אַלײן. ביי די פּריוואַט־באַהנען, ווי בעקאַנט, קען די „קאָמפּאַניע" ערהאַלטען אַ ביליגערען פּרייז, ווי עס פיהרט זיך ביי אַלע גרויסע עקספּעדיטאָרען. זי מוז דאָך נאַ־טירליך זעהען, אַז אונזערע ברידער זאָל עס ביליג קאָסטען, וויל יעדער רייזט דאָך אויף אייגענע הוצאות. פאַר דעם מיטעלשטאַנד וועט דינען דאָס „קוק־סיסטעם" און פאַר די אָרימע קלאַסען דאָס „פּערזאָנען־פּאָרטאָ". די „קאָמפּאַניע" וואָלט געקענט פיעל פער־דינען אַן די רייזע־קאָסטען פון פּערזאָנען און פראַכט, אָבער זי מוז איהר גרונד־זאַץ האַלטען: צו פערדיענען נאָר אזוי פיעל, ווי זי האָט נאָר נויטיג פאַר זעלבסט־ערהאַלטונג.

די עקספּעדיציאָן ליגט אין פיעל ערטער אין אידישע הענד. די עקספּעדיציאָנס־געשעפטען וועלען זיין אַלזאָ די ערשטע וואָס די „קאָמפּאַניע" ברויכט אויפצולעזען. די אייגענטהימער פון אַזעל־כע געשעפטען טרעטען אַריין ענטוועדער אין דיענסט פון דער „קאָמפּאַניע", אָדער זיי עטאַבלירען זיך פריי אין נייעם לאַנד. די לאַנדונגס־פּלעצער נויטיגען זיך אין עקספּעדיטאָרען, און אזוי ווי דאָס איז גלענצענדעם געשעפט, וועט געווים ניט פעהלען פאַר דעם קיין אונטערנעהמער. עס איז ניט נויטיג אויסצופיהרען ווייטער די איינצעלהייטען. זיי קענען זיך פערנינפטיג ענטוויקלען פון דעם צוועק, און פיעלע טיכטיגע קעפּ דאַרפען און וועלען דאַריבער נאָכ־דענקען, ווי דאָס אַמבעסטען דורכצופיהרען.

איינגע טהעטיגקייטען פון דער קאָמפּאַניע.

פיעל טהעטיגקייטען וועלען צוזאַמען ווירקען. נאָר איין ביי־שפּיעל: צום אַנפאַנג וועט די „קאָמפּאַניע" אַנהייבען צו פּראָדו־צירען אינדוסטריע־זאַכען. דאָן פאַר אונזערע אייגענע אָרימע אויס־וואַנדערער: קליידער, וועש, שיך, א. ז. וו. אַלץ וועט צוגעהען פאַב־ריק־מעסיג, וויל אונזערע אָרימע־לייט וועלען נייבאַקליידט ווע־רען אין די אייראָפּעאישע אַבפאַהרונגס־סטאַציאָנען. מען וועט זיי

דערמיט קיין מתנות ניט געבען, ווייל מען דארף זיי ניט ערנידריגען. מען וועט זיי בלויז איבערבייטען די אלטע זאכען אויף נייע. ווען די „קאָמפּאַניע" פּערלירט דערביי עטוואָס, ווערט עס בעטראכט אלס געשעפטס־פּערלוסט. די וואָס זייענען אזוי אָרים, אז זיי האָבען לחלוטין גאָר ניט, בלייבען בעלי־חובות צו דער „קאָמפּאַניע" און זיי וועלען אין נייעם לאַנד דערפאר בעצאָהלען מיט ארבייט־שטונדען. אבער דיזעלבע ארבייטס־שטונדען וועט מען זיי שענקען, ווען זיי וועלען זיך גוט אויפפיהרען.

ביי דעם פּונקט האָבען די עקסיסטירענדע אויסוואַנדערונגס־פּעראיינען א גוטע געלעגענהייט בעהילפיג צו זיין. אלץ וואָס זיי פלעגען ביז יעצט טהאָן פאר די אויסוואַנדערענדע אידען, זאָלען זיי אין דער צוקונפט טהאָן פאר די קאָלאָניסטען פון דער „אידישער קאָמפּאַניע". די פאָרמען פון דעם צוזאַמען־ווירקען וועלען זיך שוין לייכט געפינען.

אין דער נייער קליידונג פון די אָרימע אויסוואַנדערער, זאָל שוין אויך ליגען עפּעס סימבאָלישעס: עס הייבט זיך אָן פאר זיי א נייער לעבען! די „געזעלשאפט" וועט שוין דערפאר זאָרגען צו ערוועקען א נייע שטימונג ביים אָברייזען און אונטערוועגס, דורך תפלות, פּאָפּולערע פאָרטרעגען, בעלעהרונגען איבער דעם צוועק פון דער אונטערנעהמונג, געזונדהייטס־פאָרשריפטען פאר די נייע וואָהנונגען און איינפיהרונג צו דער קינפטיגער ארבייט. דאָס איז דערפאר, ווייל דאָס געלויבטע לאַנד איז דאָס לאַנד פון ארבייט. ביים אָנקומען וועלען די איינוואַנדערער גרויסארטיג עמפּאנגען ווערען דורך די ערשטע פון אונזערע בעאמטע. דאָס וועט געשעהן ניט אין קיין נאָרישער שמחה, ווייל דאָס געלויבטע לאַנד דארף ערשט ערואָבערט ווערען. די הויפּטזאַך איז פאָרלויפיג, אז די אָרימע זאָלען שוין זעהן, אז זיי זיינען אין דער היים.

די בעקליידונגס־אינדוסטריע פון דער „קאָמפּאַניע" פאר די אָרימע איינוואַנדערער, וועט ניט פּראָדוצירט ווערען אָהן א פּלאַן. די „אידישע קאָמפּאַניע" וועט מוזען פריהער וויסען די צאָהל פון די נייע אָנקומענדע, די צייט ווען זיי קומען אָן. דאָס וועט זי ערפאהרען דורך דער „אידישער געזעלשאפט", וועלכע ערהאלט די מיטהיילונג פון די אָרטס־גרופּען. אויף אזא אופן איז עס מעגליך אלץ מיט אויסרעכענונג צו מאכען.

חשק צו אינדוסטריע.

די אויפגאבען פון דער „אידישער קאמפאניע“ און דער „אידישער געזעלשאפט“ קענען דא ניט זעהר פינקטליך ערקלערט ווערען. א פאקט איז, אז די צוויי גרויסע קערפערשאפטען וועלען מוזען ארבייטען צוזאמען. די „קאמפאניע“ וועט מוזען זיין און בלייבען אנגעוויזען אויף דער מאראלישער אויטאריטעט און אונטערשטיצונג פון דער „געזעלשאפט“, גראדע ווי די „געזעלשאפט“ וועט מוזען ארויסקוקען אויף דער מאטעריעלער הילף פון דער „קאמפאניע“. צום ביישפיעל, אין דער געפלאנטער פיהרונג פון דער בעקליידונגס־אינדוסטריע ליגט דער שוואכער אנפאנג פון דער פראבע צו פערמיידען די קריזיסען אין דעם פראדוקט. איבעראל, וואו די „קאמפאניע“ ערשיינט אין דער אינדוסטריע, זאל אויך אזוי געפיהרט ווערען.

זי דארף אבער פאר קיין פרייז ניט אונטערדריקען מיט איהר איבער־מאכט די פרייע אונטערנעהמונגען. מיר זיינען נאר ראדמאל קאלעקטיוויסטען, וואו די אויפגאבע איז פערבונדען מיט גרויסע שוויריגקייטען. ווייטער אבער, זאלען מיר אכטונג געבען צו אונטערשטיצען פון אלע זייטען דעם יחיד. דאס פריוואט־אייגענטהום, אלס דער ווירטהשאפטליכער פונדאמענט פון אונאבהענגיגקייט, זאל זיך ביי אונז ענטוויקלען גאנץ פריי און געאכטעט. דער סימן איז, אז מיר לאזען תקף ומיד אונזערע אונערפאהרענע ארבייטער אויפשטייגען צו פריוואט אייגענטהום.

דער אונטערנעהמונגס־גייסט זאל אונטערשטיצט ווערען אויף אלע אופנים. די איינריכטונג פון אינדוסטריען זאל בעגינסטיגט ווערען דורך א פערנינפטיגע צאל־פאליטיק, דורך ביליגע רויהע מאטעריאלען און דורך אן אמט פאר אינדוסטריע־סטאטיסטיק מיט עפענטליכע ארבייטען.

דעם אונטערנעהמונגס־גייסט קען מען ערמוטהיגען אויף א גאנץ גוטען אופן. מען דארף אויסמיידען די ניט־געפלאנטע ספעקולאציאן. די עטאבלירונג פון נייע אינדוסטריען וועט דארפען באלד בעקאנט ווערען, דאמיט אז די אונטערנעהמער, וועלכע פאלען אויף אזא פלאן מיט א האלב יאהר שפעטער, זאלען דורך דעם ניט אריינפאלען אין א קריזיס און אונגליק. און אזוי ווי דער

צוועק פון יעדער נייער אונטערנעהמונג פון דער „געזעלשאפט“ וועט פריהער געמעלדעט ווערען, קענען די אונטערנעהמונגס-פער־העלטניסע צו יעדער צייט און פאר יעדען מענשען זיין בעקאנט.

מען וועט אויך ערלויבען פאר די אונטערנעהמער די צענט־ראליזירטע ארבייטס-קרעפטען. דער אונטערנעהמער מעלדעט זיך צו דער צענטראלע פאר ארבייטס-פערמיטלונג, וועלכע נעהמט דערפאר זעהר א קליינע אבצאהלונג פאר עדר זעלבסט-ערהאל־טונג. דער אונטערנעהמער טעלעגראפירט: איך ברויך פאר מארגען, פאר 3 טעג, 3 וואכען אדער 3 חדשים, 500 אונערפאהרענע אר־בייטער. מארגען ערשיינען אויף זיין לאנד-ווירטהשאפטליכע אדער אינדוסטריעלע אונטערנעהמונג די 500 ארבייטער, וואס די אר־בייטס-צענטראלע האט צוגעשיקט. זעלבסטפערשטענ־ליך, וועלען ניט געליעפערט ווערען קיין ארבייטער-שקלאפען, זאנדערן ארביי־טער פאר 7 שטונדען בעשעפטיגונג אין טאג, וועלכע שטעהן אימער אונטער זייער ארגאניזאציאן, וואס נעהמט אן די בעשטעלונגען, גיט ארויס הלואות און פענסיעס. דער פרייער אינטערנעהמער קען זיך אויך אנדערש פערשאפען זיינע ארבייטס-קרעפטען, ווען ער וויל. אבער ער וועט עס זעהר שווער קענען אויספיהרען. איך מיין דא דאס אריבערברענגען פון ניט-אידישע שקלאפען. אבער די „געזעלשאפט“ וועט וויסען ווי דאס צו פערהיטען, דורך באיקאָ־טירען אזעלכע אונטערנעהמער, דורך שווער מאכען די איינוואנ־דערונג א. ז. וו. און מען וועט אלזא מיזען אננעהמען דעם 7-שטונ־דיגען ארבייטס-טאג. און אויף אזא אופן וועלען מיר זיך דערנעהנ־טערן, כמעט ניט געצוואונגען, צו דעם געוועהנליכען 7-שטונדיגען ארבייטס-טאג.

דאָס בעזעצען זיך פון פאך-ארבייטער.

עס איז נאך גאנץ קלאָר, אז דאס וואס עס גילט פאר די אונ־געלערנטע, איז פאר די העכערע פאך-ארבייטער נאך לייכטער. אויך די ארבייטער פון די פאבריקען קענען געבראכט ווערען אונ־טער דיזעלבע רעגלען. דאס ווערט בעזארגט פון דער צענטראלע פאר פאך-ארבייטער.

וואָס איז שייך די זעלבסטשטענדיגע האַנדווערקער, וועלכע האָבען ניט קיין בעל־הבית, וועלכע מיר דאַרפען זעהר פאַר די צו־קינפטיגע פאַרשריטע אין דער טעכניק, זיי מוזען מיר בעקאַנען מיט די טעכנאָלאָגישע קענטניסע אפילו ווען זיי זיינען שוין מעהר ניט יונג. מען דאַרף זיי אויך געבען די מעגליכקייט זיך צו בע־נוצען מיט דער קראַפט פון די טייכען און מיט דעם ליכט פון די עלעקטרישע דראַטען. אויך די זעלבשטענדיגע אַרבייטער זאָלען געזוכט און געפונען ווערען דורך דער צענטראַלע פון דער „געזעל־שאַפט". דאַ ווענדעט זיך די אַרטס־גרופּע צו דער צענטראַלע: מיר דאַרפען אזוי פיעל און אזוי פיעל סטאָליאַרעס, שלאָסערס, גלע־זערס א. ז. וו. די צענטראַלע מאַכט עס בעקאַנט. די לייטע מעל־דען זיך. זיי פאָהרען מיט זייערע פאַמיילען נאָך דעם אָרט וואו מען ברויכט זיי און בלייבען דאָרט וואָהנען, אבער ניט אונטער־דריקט פון דער אַלטער קאָנקורענץ. אויף אזא אופן ענטשטעהט פאַר זיי די רויערענדע און גוטע היימאַטה.

די געלד-שאַפונג.

אלס דער אקציען־קאַפּיטאַל פון דער „אידישער קאָמפּאַניע" איז אַנגענומען געוואָרען א פאַנטאַסטיש קלינגענדע סומע. ווי הויך דער אקציענקאַפּיטאַל וועט באמת דאַרפען זיין, דאָס וועט מוזען בעשטימט ווערען פון פינאַנציערען. יעדענפאַלס וועט דאָס זיין א ריזיגע סומע. ווי זאָל מען עס צוזאַמען ברענגען? פאַר דעם זיי־נען פאַרהאַן דריי פאָרמען, פון וועלכע די „געזעלשאַפט" וועט קענען אויסקלייבען. די „געזעלשאַפט", וועלכע איז די גרויסע מאָראַלישע פּערזאָן, די פאַרשטעהערין פון די אידען, בעשטעהט פון אונזערע שענסטע און בעסטע מענער, וואָס קענען פון דער גאַנצער זאַך ניט מאַכען קיין פערמעגען און דאַרפען עס אויך ניט. אבוואָהל די „גע־זעלשאַפט" קען בעזיצען פון אַנפאַנג נאָר א מאָראַלישע אויטאָ־ריטעט, וועט דאָס אבער אויך גענוג זיין אום צו פערזיכערן די „אידישע קאָמפּאַניע" ביים אידישען פאָלק. די „אידישע קאָמפּאַ־ניע" וועט נאָר דאַן האָבען די אויסזיכטען פון א געשעפטליכען

ערפאָלג, ווען זי וועט אויף זיך טראָגען דעם שטעמפּעל פון דער „געזעלשאַפט“. עס וועט זיך אַלזאָ ניט קענען גלאַט בילדען אַ גרופּע פון געלד־מענשען, וואָס זאָל זיך רופען די „אידישע קאָמפּאַניע“. די „געזעלשאַפט“ וועט אונטערזוכען, קלייבען און בעשטימען, און וועט זיך לאָזען פערזיכערן פון גוטע גאַראַנטיען פאַר דער געוויסענהאַפטער דורכפיהרונג פון פּלאַן. פּראָבען מיט וועניגער קרעפטען דאַרפען ניט געמאַכט ווערען, ווייל די אונטערנעהמונג מוז זיך איינגעבען גלייך פון דעם ערשטען קלאַפּ. דער דורכפאַל פון דער זאַך, וועט קאַליע מאַכען די אידעע אויף צעהנדליגע יאָהרען און פיעל־לייכט אויך אויף אייביג אונמעגליך מאַכען.

די דריי פּראָבען ווי צוזאַמענצוברענגען דעם אַקציען־קאַפּיטאַל, זיינען: 1) דורך די הויך־באַנק; 2) דורך די מיטעלבאַנק; 3) דורך אַ פאָלקסט־טימליכע סובסקריפּציאָן.

אַם לייכטעסטען, שנעלסטען און זיכערסטען וואָלט געווען די גרינדונג דורך די הויך־באַנק. דאָ קען דאָס ערפאָרדערטע געלד צוזאַמען געבראַכט ווערען בלויז דורך אַ בעראַטונג, בשעת די גרויסע פינאַנץ־גרופּען ענטשטעהן. דאָס וואָלט געהאַט אַ גרויסען פאָר־טייל, וואָס דער מיליאַרד — די סומע וואָס איך האָב שוין דער־מאָנט — זאָל ניט מוזען זאָפאָרט אין גאַנצען אויסגעצאָלט ווערען. עס וואָלט געהאַט נאָך אַן אַנדער פאָרטייל, וואָס אויך דער קרעדיט פון מעכטיגע פינאַנץ־גרופּען זאָל דערוויל וואַקסען. אין דער אידישער פינאַנץ־וועלט שלאָפען נאָך זעהר פיעלע ניט באַנוצטע פּאָ־ליטישע קרעפטען. פון די אידישע שונאים ווערט דיעזע פינאַנץ־מאַכט פאַרגעשטעלט אַלס אַזוי טהעטיג ווי זי וואָלט געקענט זיין. אָבער זי איז עס ניט. די אָרימע אידען שפּירען נאָר דעם האַס וואָס דיעזע פינאַנץ־מאַכט רופט אַרויס; דעם נוצען אָבער, די פערלייכ־טערונג פון זייערע שמערצען, וואָס וואָלט געקענט קומען, דאָס געניסען די אָרימע אידען ניט. די קרעדיט־פּאָליטיק פון די גרויסע פינאַנץ־אידען מוז זיך שטעלען אין דינסט פון דער פאָלקס־אי־דעע. וועלען זיך אָבער די רייכע ניט פיהלען בעוואויגען עפּעס צו טהאָן פאַר זייערע אָרימע ברידער, וועלכע מען האַלט פעראַנט־וואָרטליך, מיט גרויס אונרעכט, פאַר דעם פערמעגען פון איינצעל־נע פּערזאָנען, דאַן וועט די פערווירקליכונג פון דעם פּלאַן בילדען אַ מחיצה צווישען זיי און די איבעריגע אידען.

דיהויף־באנק וועהט גאַר ניט בעאויפטראגט צו שאפען אזא גרויסע סומע צוליעב צדקה. דאס וואלט געווען א נארישע פאָדערונג. די גרינדער און די אקציאָנערען פון דער „אידישער קאמפאניע", זאָלען גאַר דערפון מאכען א גוט געשעפט, און זיי וועלען זיך פריי־הער קענען דאריבער אבגעבען א חשבון, וואס פאר אויסזיכטען זיי האבען. די „אידישע געזעלשאפט" וועט בעזיצען אלץ פון וואס מען זאָל דערקענען די אויסזיכטען פון דער „אידישער קאמפאניע". זי וועט פריהער אויספאָרשען אלץ איבער דער נייער אידישער בע־וועגונג און דאס מודיע זיין דער „אידישער קאמפאניע", כדי זי זאָל פריהער וויסען ביי וואס צו זיין בעטייליגט. דורך דער שאפונג פון דער מאדערנער אידען־סטאטיסטיק, וועט די „געזעלשאפט" בע־זאָרגען פאר דער „קאמפאניע" די ארבייטען פון א שטודיום־גע־זעלשאפט. ווי מען פלעגט עס טהאן אין פראנקרייך פאר יעדער גרויסער אונטערנעהמונג.

די גאנצע זאך וועט פיליכט ניט האבען דעם גרויסען ביי־פאל פון די אידישע געלד־מאגנאטען. זיי וועלען פיליכט זאגאר אנפאנגען א קאמף געגען אונזער אידישער בעוועגונג דורך זייערע געהיימע קנעכט און אגענטען. אזא קאמף אבער, ווי פיעלע אנדע־רע, וועלכע ווערען אונז ארויפגעצוואונגען, וועלען מיר פיהרען מיט אן און׳רחמנות׳דיגער הארטקייט.

די געלד־מאגנאטען וועלען זיך פיליכט צופריעדען שטעלען דערמיט, וואס זיי וועלען זיך ענטזאגען פון דער גאנצער געשיכטע מיט א שמייכעל.

איז שוין דערמיט אלעס געענדיגט?

ניין.

דאן געהט מען דאס געלד צוזאמען־ברענגען אויף דער צוויי־טער מדרגה, צו די אידען פון מיטלערען רייכטהום. די אידישע מיטעל־באנק, אין נאמען פון דער פאָלקס־אידעע, ערשיינט געגען דער הויף־באנק און בילדעט א צווייטע בעדייטענדע געלד־מאכט. מען דארף ניט פערגעסען, אז מען דארף איינצאהלען דעם גאנצען מי־ליארד, אז ניט דארף מען גאַר ניט אנפאנגען. דערוויל לויפט אריין דאס געלד לאנגזאם און מען וועט קענען מאכען גאנץ גוטע באנק־און הלואה־געשעפטען. עס איז מעגליך, אז דער אורשפרינגליכער צוועק זאָל דאדורך פערגעסען ווערען און מיטעלע רייכע אידען

וואָלטען געפונען א גרויסען נייעם געלד־געשעפט און די אידישע וואנדערונג וואָלט פערזונקען געוואָרען. אבער ווען אלץ ווערט זיין אין נאָמען פון דער פאָלקס־אידעע געגרינדעט, ווערט מען קענען פערהיטען אז דערפון זאָל ניט ווערען בלויז א געלד־געשעפט.

יעדער ווייס, אז די אידעע פון דיעזער געלד־שאַפונג איז ניט פאַנטאַסטיש. מעהרערע מאָל האָט מען שוין פּרובירט קעמפען מיט דעם קאַטאָלישען געלד געגען דער הויך־באנק. אז מען קען עס טהאָן מיט אידישע געלד, האָט מען נאָך ביז אהער ניט געטראַכט.

אָבער וואָס פאר א קריזיסען וואָלט דאָס אלעם געהאט אלס רעזולטאַט? ווי וואָלטען די לענדער געשעדיגט געוואָרען אויב אזעלכע געלד־מלחמות וואָלטען זיך אָבגעשפּילט? און ווי וואָלט געמוזט דער אנטיסעמיטיזמוס זיך דאָ אריינמישען?

מיר איז דאָס אלץ ניט אנגענעהם, איך דערמאָהן עס נאָר, ווייל עס ליעגט אין דער לאָגישער ענטוויקלונג פון געדאנקען.

צו די מיטעלבאנק ווערט די זאַך אויפכאַפּען, ווייס איך אויך ניט.

יעדענפאלס אבער איז דערמיט ניט קיין סוף צו דער אידעע, אפילו ווען די מיטעלע ענטזאגען זיך דערפון. דאמאָלט פאנגט עס ערשט זיך אָן אין רעכטען ערנסט.

די „אידישע געזעלשאַפט“, וואָס בעשטעהט שוין דאמאָלס ניט פון קיין געשעפטס־לייט, קען דאמאָלט פּרובירען גרינדען די קאָמ־פאַניע אויף א פאָלקס־טהימליכען אופן.

דאָס אקציען־קאַפּיטאל פון דער „קאָמפּאַניע“ קען צוזאַמען געבראַכט ווערען אויך אָהן פערמיטלונג פון א הויכבאנק אָדער מי־טעל־באנק־סינדיקאַט. דאָס קען געמאַכט ווערען דורך סובסקריפּ־ציאָנען. דערביי וועלען זיך בעטייליגען ניט נאָר די אָרימע אידען. זאָנדערן אפּילו די קריסטען, וועלכע ווילען פּטור ווערען פון די אידען. עס וואָלט געווען א גאנץ אייגענטימליכע פאָרמע, וואו יע־דער וואָלט אויסגעדריקט זיין מיינונג וועגען דער לייזונג פון דער אידענפראַגע, דערמיט וואָס ער וואָלט געוואָרען א סובסקרייבער. אין דער בעדינגונג ליגט א גוטע זיכערקייט, אז מען ווערט נאָר דאַן דארפען געבען דאָס געלד, ווען די גאנצע סומע איז אונטער־שריבען, אז ניט ווערט מען די איינצאָהלונג קריגען צוריק.

ווען די גאנצע סומע איז שוין געדעקט דורך דער פּאָלקס־טימ־ליכער בעוועגונג אין דער גאנצער וועלט, דאן איז יעדע קליינע סו־מע געזיכערט דורך די אונצעהליגע אנדערע קליינע סומען.

דערביי וואָלט נאַטירליך נויטיג געווען די אויסדריקליכע הילף פון די בעטהייליגטע רעגיערונגען.

די ארטס־גרופּען.

די פּערפלאנצונג.

ביז אהער האב איך נאר געוויזען, ווי אזוי מען קען דורכ־פיהרען די אויסוואנדערונג אהן ווירטשאפטליכע קריזיסען. אבער ביי אזא אויסוואנדערונג זיינען פאראהאן פיל שטארקע און טיעפע געמיטהס־בעוועגונגען. עס זיינען דא אלטע מנהגים, ערינערונגען, און וועלכע מיר מענשען האלטען זיך אן מיט אלע כוחות. מיר האבען וויגעלעך, מיר האבען קברים, און מען וויים ווי טהייער די קברים זיינען פאר א אידיש הארץ. די וויגעלעך נעהמען מיר מיט — און אין זיי וועט שלומערן זים און שמייכלענדיג אונזער צוקונפט. אונ־זערע טייערע קברים, אבער מוזען מיר צוריק לאזען — איך גלויב אז פון זיי וועלען מיר, א פאלק וואס יאגט זיך נאך געלד, אם שווערסטען זיך שיידען. אבער דאס מוז געשעהן.

די ווירטשאפטליכע נויט, די פאליטישע אונטערדריקונג און דער געזעלשאפטליכער האס, דערוויימערן אונז שוין פון אונזערע וואהן־ערטער און פון די קברים פון אונזערע פריינד. די אידען וואנדערן שוין יעצט פון איין לאנד אין צווייטען: א שטארקע בע־וועגונג געהט זאגאר פאר, אין דעם אויגענבליק, איבער דעם ים, נאך די פעראייניגטע שטאטען — און דארט איז מען אויך ניט איבעריג צופרידען פון אונז. און וואו וועט מען פון אונז צופריע־דען זיין, כל־זמן מיר וועלען ניט האבען אן אייגענע היים?

מיר וועלען אבער געבען די אידען א היים. מיר ווילען בשום אופן ניט מיט געוואלט זיי ארויסרייסען פון דער ערד. מיר ווי־לען זיי מיט די װארצלען צוזאמען, האק־און־פאק, איבערפלאנ־צען אויף אנאנדער באדען. אזוי ווי מיר ווילען שאפען נייע פער־העלטניסען אין ווירטשאפטליכען און אין פאליטישען לעבען, אזוי בעאבזיכטיגען מיר אויך אין גייסטיגען לעבען צו האלטען הייליג אלע אלטע עראינערונגען. מיר וועלען וועגען דעם געבען אייניגע

בעמערקונגען. דאַ ליעגט די גרעסטע געפאהר, וואָס מען קען האַל־טען דעם גאַנצען פּלאַן פאר א חלום.

און דאָך איז דאָס אויך מעגליך און ווירקליך, בלויז עס קומט פאַר אין דער ווירקליכקייט אלס עפּעס פערשימעלטעס און הילפּ־לאָז. אבער דורך דער אָרגאַניזירונג, קען עס ווערען פערנינפטיג.

די גרופּען-וואַנדערונג.

אונזערע ברידער זאָלען צוזאמען אויסוואַנדערען אין גרופּען. די גרופּען זאָלען בעשטעהען פון פאמיליען און קרובים. קיינער וועט ניט געצוואונגען ווערען זיך אַנצושליסען אַן דער גרופּע פון זיין ביזהעריגען וואָהנאָרט. יעדער קען פאָהרען ווי ער וויל, ערשט נאָכדעם ווי ער האָט זיינע געשעפטען אויפגעגעבען. יעדער וועט עס דאָך טהאָן אויף אייגענע הוצאות, אי מיט דער באהן, אי מיט דער שיפס־קארטע, וועלכע ווערט איהם פערשפּראָכען. אונזערע באהנען און אונזערע שיפען וועלען פיליכט האָבען נאָר איין קלאַס. דער אונטערשיעד פון קלאסען־רייזען, איז זעהר אונאַנגע־נעהם פאר די אָרימע. און ווען מיר פיהרען אפילו ניט אריבער אונ־זערע ברידער צו אַן אונטערהאַלטונג, ווילען מיר דאָך ניט באַליי־דיגען זייערע געפיהלען.

אין עלענד וועט קיינער ניט פאָהרען. דער וואָס וועט וועלען רייזען אין לוקסוס, זאָל עס אויך קענען אויספיהרען. עס וועט נאָך, אין גינסטיגסטען פאַל, סאַי־ווי־סאַי דויערן יאָהרען ביז די בעווע־גונג פון די רייכע וועט זיך אַנהויבען. מען וועט זיך דערפאַר צייט האָבען פריהער צו בעראַטהען וועגען די רייזע־געזעלשאַפטען. מען וועט קענען אויך מיטנעהמען די פערזענליכע האלטונגען און פיה־רונגען. אויסער די רייכע, ווייסען מיר, אז אידען האָבען גאָר קיין פערקעהר ניט מיט קריסטען. אין מאנכע לענדער זעהען מיר, אז דער איד קען גאָר ניט קיין אנדער קריסט, אויסער דעם, מיט וועל־כען ער האָט זיך בעקאַנט אין רעסטאָראַנט, אין שיינק אָדער דעם וואָס ער האלט אלס זיין דיענער. דאָס גהעטאָ איז נאָך אלץ דאָס זעלבע ווי געוועזען.

אונטער די מיטעלע קלאסען וועט מען מאכען לאנגע און אויסגערעכענטע פאָרבערייטונגען צום אבּרייזען. יעדער אָרט בילדעט זיין גרופּע. אין די גרויסע שטעדט ווידער וועט דאָס געשעהן לויט די קוואַרטאלען, וועלכע וועלען איינער מיט'ן אנדערן פערקעהרען דורך אויסגעוועהלטע פערטרעטער. די קוואַרטאלען איינטהיילונג וועט צו גאָר ניט געצוואונגען זיין. דאָס איז בלויז אום צו פערהעלפען די אָרימערע, כדי ווייטער, בעת דער רייזע, ניט ארויסצורופען קיין אונאנגענהמקייט, אָדער בייַנקעניש א היים. יעדער איז פריי ענטוועדער אליין צו פאָהרען, אָדער זיך אנצושליסען אָן אירגענד איין אָרטס־גרופּע. די בעדינגונגען — נאָך קלאסען איינגעטהיילט — זיינען פאר יעדען גלייך. ווען א רייזע־געזעלשאַפט האָט זיך אָרגאניזירט אין א גענוג גרויסער צאָהל, דאן קריגט זי פון דער „קאָמפּאניע" א גאנצען באהן־צוג און דאן א גאנצע שיף.

פאר די פּאסענדע לאָזשיען פון די ארימע, וועט שוין זאָרגען דאָס קוואַרטיר־אמט פון דער „קאָמפּאניע". שפּעטער, פאר די רייכע, וועלען שוין זיין האָטעלען, אויפגעבויט פון פרייע אונטערנעמער. די רייכע וועלען זיך גאָר פריהער האָבען אויסגעבויט זייערע הייזער, כדי זיי זאָלען אהן זאָרג קענען אריבערציהען פון דעם פערלאָזענעם אלטען הויז אין נייעם.

פאר אונזער גאנצען אינטעליגענטען קלאס דארפען מיר פריהער ניט אָנווייזען זייער אויפגאבע. יעדער וואָס שליסט זיך אָן אָן דער נאַציאָנאלער אידעע, וועט וויסען ווי זיך נוצליך צו מאכען אין זיין קרייז. מיר וועלען איבערהויפּט אפּעלירען צו דער מיטווירקונג פון אונזערע דוכאָוונע.

אונזערע דוכאָוונע.

יעדע גרופּע וועט האָבען איהר רב וואָס פאָהרט מיט זיין קהלה. די גרופּען בילדען זיך ניט געצוואונגען. די אָרטס־גרופּע בילדעט זיך ארום דעם רב. וויפיעל רבנים, אזוי פיעל אָרטס־גרופּען. די רבנים וועלען אונזער פּלאן פריהער פערשטעהן, כדי פאר אלעמען, דעם עולם צו בעגייסטערן, דאָס זאָל אריין געגעבען

ווערען אין דאַוונען, און אזוי זאָל עס בלייבען. מיר פאַרדאַנקען אונ־זער היסטאָרישער צוזאַמען־האַלטונג צו דער אמונה פון אונזערע עלטערן. כאָטש מיר האָבען אַנגענומען די לשונות פון פערשידענע אומות, האָבען זיי דאָך ניט געקענט אין אונז אויסלעשען דעם פונק פון אונזער גלויבען.

די רבנים וועלען בעקומען רעגעלמעסיג די מיטהיילונגען פון דער „געזעלשאַפט“ און „קאָמפּאַניע“ און עס בעקאַנט מאַכען צו זייערע קהלות. ישראל וועט בעטען פאַר אונז און פאַר זיך.

נאמנים פון די אָרטסגרופּען.

די אָרטס־גרופּען וועלען אויסקלויבען קליינע קאָמיסיעס פון נאמנים אונטער דעם פאָרזיץ פון די רבנים. זיי וועלען זיך בעראַטען איבער אַלץ וואָס איז פּראַקטיש און בעשליסען פאַר אַלץ דאָס בעסטע וואָס פּאַסט פאַר די גרופּען.

די צדקה־אַנשטאַלטען וועלען פריי פערפלאַנצט ווערען דורך די אָרטס־גרופּען. צדקה־איינריכטונגען וועלען אויך קענען דאָרט פערבלייבען, וואו די אָרטס־גרופּע האָט זיך געבילדעט. די געביי־דען, נאָך מיין מיינונג, זאָלען ניט פערקויפט ווערען, נאָר איבער־געגעבען ווערען צו די קריסטליכע נויטבעדערפטיגע. ביי דער פערטהיילונג פון ערד אין נייעם לאַנד, וועט דאָס צוגערעכענט ווע־רען צו די אָרטס־גרופּען, דערמיט וואָס מען וועט זיי געבען בוי־פּלעצער אָהן געלד און אויך לייכטע מיטלען צום בויען.

ביי דעם איבערטראַגען פון די צדקה־אַנשטאַלטען, גראַדע ווי ביי אַנדערע זאַכען אין דעם פּלאַן, וועט עפּעס אויפגעטהאָן ווע־רען צום וואָהל און בעסטען פון דער גאַנצער מענשהייט. אונזער יעצטיגע פערשימעלטע פּריוואַט־צדקה טהוט זעהר ווייניג גוטעס, לויט דעם רעש וואָס ווערט געמאַכט. די צדקה־אַנשטאַלטען מוזען געפירט ווערען אונטער אַזא סיסטעם, אַז זיי זאָלען זיך איינע די אַנדערע אונטערשטיצען און העלפען. אין אַ נייע געזעלשאַפט קע־נען איינריכטונגען אַם בעסטען געמאַכט ווערען, ווייל מיר האָבען שוין אַלע ערפאַהרונגען פון אַ סאָציאַל־פּאָליטישען שטאַנדפּונקט.

די זאַך איז פאַר אונז זעהר וויכטיג, ווייל מיר האָבען אַ סך בעטלער. דורך דער אויסוועבטיגער אונטערדריקונג ווערען זיי מוטהלאָז, און די צדקה פון די רייכע געוואָהנט צו די שוואַכע נאַטורען צום בעטלען.

די „געזעלשאַפט", אונטערשטיצט פון די אָרטס־גרופּען, וועט אין דער בעציהונג שענקען די גרעסטע אויפמערקזאַמקייט אַזעלכע זאַכען, וואָס זיינען נוגע צו דער פאָלקס־ערציהונג. פאַר פיעל קרעפטען, וועלכע פערלירען זיך יעצט מוטהלאָז, וועט געשאַפען ווערען אַ פּרוכטבאַרער באָדען. ווער עס וויל נאָר, זאָל קריעגען אַ פּאַסענדע בעשעפטיגונג. בעטלער זאָלען ניט געדולדעט ווערען. ווער עס וויל אַליין ניט אַרבייטען, זאָל אַוועק געשיקט ווערען אין אַר־בייטס־הויז.

דערפאַר אָבער זאָלען מיר די אַלטע ניט אַריין וואַרפען אין הקדש. דאָס איז אַ גרויזאַמע צדקה, וואָס אונזערע נאַרישע גוט־מוטיגקייט האָט ערפונדען. אין הקדש שעהמט זיך דער אַלטער מענש און ער ערגערט זיך דאָרט צו טויט. דאָס הייסט, ער איז שוין בעגראָבען. מיר ווילען אָבער ביי קיינעם ניט אַוועקרויבען די פאַנטאַזיע פון זיך פיהלען ניצליך, אפילו ניט ביי די וואָס שטע־הען אויף דער ניעדריגסטער שטופע פון אינטעליגענץ. אַזעלכע וואָס זיינען ניט פעהיג צו קערפּערליכע אַרבייט, זאָלען ביי לייכטע זאַ־כען בעשעפטיגט ווערען. מיר מוזען זיך רעכענען אויף אַזוינע האַלב־אָבגעשטאַרבענע אַרימעלייט, וואָס וועלען קומען פון דעם יעצטיגען פערוועלקטען דור. אָבער די צוקינפטיגע דורות זאָלען אַנדערש ערצויגען ווערען: אין דער פרייהייט, פאַר דער פרייהייט.

מיר וועלען זוכען יעדען גליקליך צו מאַכען דורך דער אַר־בייט. דערמיט וועט אונזער פאָלק וויעדער געפינען זיין טיכטיג־קייט אין דעם לאַנד פון דער 7־שטונדיגער אַרבייט.

שטאָדט־פּלענער.

די אָרטס־גרופּען וועלען שיקען זייערע בעפאָלמעכטיגטע אַלס דעלעגאַטען צו דער אָרטס־וואַהל. ביי דער לאַנד־פערטהיילונג

וועט מען זעהן, אז אלץ וואָס איז ווערטה מען זאָל אריבערפיהרען אין נייעם לאנד, כדי עס זאָל ווייטער בליהען, זאָל פּינקטליך אריבערגעפיהרט ווערען. מיר האָבען שוין גערעט וועגען די בוי־פּלענער און פערשטענדליכע בילדער, וועלכע מען דארף פערטהיילען צו די אָרטס־גרופּען.

אזוי ווי ביי דער פערוואלטונג דארף זיי א צענטראליזירונג פון שטראַפען, אזוי מוז אויך זיין דער פּרינציפּ פון די אָרטס־גרופּען זעלבסט־רעגירונג. נאָר אויף אזא אופן וועט מען קענען אלעס נויטיגע, אָהן מיה, אריבערברענגען.

איך שטעל עס מיר ניט פאָר גרינגער ווי עס איז, אבער מען דארף זיך דאָס אלץ אויך ניט שווערער פאָרשטעלען.

דער צוג פון מיטעלשטאַנד.

דער מיטעלשטאַנד וועט אריינגעצויגען ווערען אין דער בעוועגונג ניט ווילענדיג. איניגע וועלען האָבען זייערע זיהן אלס בעאַמטע פון דער „געזעלשאפט“, אָדער אַנגעשטעלטע פון דער „קאָמפּאניע“ אין נייעם לאנד. אדוואקאטען, דאָקטוירים, טעכניקער פון אלע צווייגען און יונגע קויפלייט, וועלכע ווערען יעצט פון דעם גערדרענג פערטריבען אין אלע וועלט־טהיילען צו זוכען בעשעפטיגונג, וועלען זיך אלע פערזאמלען אויף דעם באָדען וואָס ענטהאלט אין זיך אלע האָפענונגען. א טהייל וועלען האָבען זייערע טעכטער פערהייראט צו דיעזער שטרעבענדער יוגענד. דאן ברענגען די יונגע לייט גלאט אריבער זייערע עלטערן, כלות און שוועסטער. אונטער נייע קולטור־צושטענדען הייראט מען יונג. דאָס העלפט ערשטענס זעהר פיעל פאר דער אלגעמיינער זיטליכקייט און העלפט אויך דערמיט וואָס מיר וועלען דאן האָבען א קרעפטיגען דור, און ניט פון יענע קינדער וואָס זייערע עלטערן האָבען זיך ערשט פערהייראטעט, נאָכדעם ווי זייער ענערגיע איז שוין אויסגעניצט געוואָרען אין לעבענס־קאַמף.

אין מיטעלשטאַנד וועט יעדער פון אונזערע אויסוואנדערער מיטציהען מיט זיך נאָך אַנדערע.

דעם מוטיגסטען, נאַטירליך, געהערט דאָס בעסטע פון דער נייער וועלט.

עס שיינט יעצט, אַז דאָ וואָלט געווען די גרעסטע שווירינקייט פון דעם גאַנצען פּלאַן:

אפילו ווען עס געלינגט אונז צו ברענגען די אידענפראגע אין אַן ערנסטען וועלטליכען ויכוח —

אפילו ווען פון דער גאַנצער ערקלערונג זאָל זיך ארויסווייזען אויף דאָס בעשטימטעסטע, אַז דער אידענשטאַאַט איז אַ וועלט־בעדירפניס —

אפילו ווען עס געלינגט אונז צו געווינען אַ לאַנד מיט דער אונטערשטיצונג פון די מעכטע:

ווי אַזוי וועלען מיר ברענגען די אידישע מאַסען, ניט געצוואונגען, פון די יעצטיגע וואָהן־ערטער, אין נייעם לאַנד?

מען דאַרף ניט פערגעסען, אַז די וואַנדערונג איז דאָך גאַנץ פריי, און ווי קען דאָך דאָס אַלץ געשעהן?

דאָס וואונדער פון דער מאַסע.

מען וועט כמעט גאַר ניט בענויטהיגען אום די בעוועגונג אויפצומונטערן. דאָס וועלען שוין טהאָן די אַנטיסעמיטען פאַר אונז. זיי דאַרפען מעהר ניט טהאָן ווי זיי האָבען ביז יעצט געטהאָן, און די לוסט צום אויסוואַנדערן וועט ערוואַכען אפילו דאָרט וואו זי איז ניט, און זיך פערשטאַרקען וואו זי איז יאָ פאַרהאַן. ווען די אידען פערבלייבען יעצט אין אַנטיסעמיטישע לענדער, איז עס גאַר דערפאַר, ווייל אפילו די וואָס קענען ניט די געשיכטע ווייסען אויך אַז מיר האָבען זיך גאַר ניט געהאָלפען אין די אַלע יאָהרהונדערטען. ווען מיר זיינען געלאָפען פון פּלאַץ צו פּלאַץ. ווען עס זאָל זיין היינט אַ לאַנד, וואָס זאָל צוזאָגען די אידען וועניגער ווי דער אידענשטאַאַט פערשפּרעכט, וועט גלייך זיך אָנפאַנגען אַהין אַ געוואַלטיגע אידישע אויסוואַנדערונג. די אָרימסטע, וואָס האָבען גאַר ניט צו פערלירען וועלען זיך אַהין שלעפּען. איך בעהויפּט אָבער, און יעדער וועט עס ביי זיך אַליין ווייסען, אַז די אויסוואַנדערונגס־לוסט וואָס ענט־

שטעהט ביי אונז פון דער אונטערדריקונג, הערשט אויך אונטער די רייכע. די אַרימסטע וועלען אבער גאנץ גוט זיין פאר דער גרינ־דונג פון דעם שטאַט, ווייל זיי בילדען דעם טיכטיגסטען מענשען־מאַטעריאַל, און פאַר גרויסע אונטערנעהמונגען דאַרף מען שטענדיג האָבען אביסעל פערצווייפלונג.

אָבער בשעת אונזערע פערצווייפעלטע שאַפען דעם ווערטה פאר דעם לעבען פון לאנד דורך זייער ארבייט, ערוועקען זיי אויך דערווייל דעם חשק פון אנדערע נאָכצוקומען.

אַלץ העכערע קלאַסען וועלען יעדעס מאָל קריגען אַן אינטערעס אַריבער צו קומען. דעם צוג פון די ערשטע, פון די אַרימסטע וועט דאָך די געזעלשאַפט און קאַמפּאַניע צוזאַמען פיהרען, און דערביי וועט אויך זיין די אונטערשטיצונג פון די עקזיסטירענדע אויסוואנ־דערונגס־ און ציוניסטישע פעראיינען.

אָבער ווי לאָזט זיך אזא מאַסע פיהרען נאָך א געוויסען פונקט אָהן א בעפעהל?

עס זיינען פאַראן איינצעלנע אידישע בעלי צדקה פון גרויסען ראַנג, וואָס ווילען פאַרלייכטערן די שמערצען פון די אידען דורך ציוניסטישע פּראָבען. אזעלכע בעלי־צדקה האָבען זיך געמוזט מיט דיעזער פראגע בעשעפטיגען און זיי האָבען געגלויבט די פראגע צו לייזען דערמיט, וואָס זיי האָבען געגעבען די אויסוואנדערער געלד אָדער ארבייטס־מיטלען אין האַנד. דער בעל־צדקה האָט אַלזאָ געזאָגט: „איך צאָהל די לייט, כדי זיי זאָלען אהין געהן."

דאָס איז זעהר א פאַלשער בעגריף, און מען קען דעם ציעל ניט דערגרייכען, אפילו מיט דעם גאַנצען געלד פון דער וועלט.

די „קאָמפּאַניע" וועט זאָגען אין געגענטהייל: „מיר צאָהלען אייך ניט, זאָנדערן מיר לאָזען אייך צאָהלען. בלויז וואָס מיר גיבען אייך עפּעס פאַראוים."

איך וועל דאָס ערקלערען דורך א שפּאַסיגען ביישפּיעל: איי־נער פון די בעלי־צדקות, וועלכען מיר וועלען אָנרופען באַראָן, וויל האָבען א גרויסע מאַסע מענשען פערזאַמעלט אין א הייסען זונטאג־נאָכמיטאג אין טהאָל פון לאָנגשאַמפּ, נעבען פּאַריז. ווען דער באַראָן זאָל בעצאָהלען צו 10 פראַנק פון פּערזאָן, דאָס הייסט צוזאַמען 200,000 פּראַנק, וועט ער האָבען 20,000 שוויצענדע און

אונגליקליכע מענשען, וועלכע וועלען איהם שילטען פאר וואס ער מאטערט זיי אזוי.

איך ווידער וועל וועטען די 200,000 פראנק אויף דעם פערד, וואס קען אם שנעלסטען לויפען — און דאן לאז איך די לייט אבהאלטען ביי לאנגשאמפ. ווער עס וויל אריינגעהן, דער זאל בעצאהלען 1 פראנק, 5 פראנק און 20 פראנק.

דער רעזולטאט איז, אז איך קריג ארויס א האלב מיליאן מענשען. דער פרעזידענט פון דער רעפובליק פאהרט פאראוים באשפיץ, די מאסע פרייט זיך און מאכט זיך אליין לוסטיג. ניט קוקענדיג אויף די ברענענדיגע זון און שטויב, איז עס פאר די מייסטען א גליקליכע בעוועגונג אין דער פרייער לופט, און איך האב איינגענומען פאר די 200,000 פראנק. א מיליאן פראנק אין איינטריטס־געלד און שפיעל־שטייער. איך וועל דיזעלבע לייט דארט ווידער האבען, ווען איך וויל: דער באראן אבער ניט — דער באראן קריגט זיי שוין ניט פאר קיין פרייז.

איך וויל דערמיט ווייזען דעם נס פון דער מאסע. איין אז ערנסטען טאן ביים ברויט־פערדינען. זאל מען פרובירען אמאל אויסרופען אין די גאסען פון א שטאדט: „ווער עס וועט זיך אוועקשטעלען אויף די פים אין אן אייזערנעם פאלאץ אין ווינטער בשעת דער שרעקליכער קעלט, אין זומער אין דער שרעקליכער היץ, און אזוי אוועקשטעהן דעם גאנצען טאג און רעדען צו יעדען עפעם צו פערקויפען, דער קריגט 2 גולדען אדער 4 פראנק אדער עפעם אנדערש.“

וויפיעל מענשען, רעכענט איהר, קריגט מען אהין, ווען עס טרייבט זיי דער הונגער? וויפיעל טעג קענען זיי אויסהאלטען? ווען זיי האלטען שוין אוים, מיט וועלכען מוטה קענען זיי צורעדען צו פערקויפען אויבסט, פיש א. ז. וו.?

מיר מאכען עס גאנץ אנדערש. אויף די פלעצער וואו עס געהט פאר א גרויסער פערקעהר, בויען מיר גרויסע האלען און מיר רופען זיי: מערק. מיר מעגען אפילו בויען די האלען ערגער און ניט אזוי גוט פאר דעם געזונד, און דאך וועלען די לייט אהין לויפען. אבער מיר וועלען זיי גאר בויען בכל לב ונפש. שעהנער און בעסער. און די לייט, וועלכע מיר האבען גאר ניט פערשפראכען, וויל מיר דארפען זיי אויך גאר ניט פערשפרעכען ניט וועלענדיג

זיי אַבגאַרען — אַט די בראַווע און געשעפטס־לוסטיגע לייט וועלען אַרויסרופען אַ לעבעדיגען מאַרק־פּערקעהר אונטער פרעהליכע צו־שטענדען. זיי וועלען איינריידען די קויפער אַהן אַן אויפהער, און זיי וועלען שטעהען אויף די פיס ניט שפּירענדיג קיין מידיגקייט. זיי וועלען ניט נאָר יעדען טאָג אהין לויפען אום צו זיין די ערשטע, זאַנדערן זיי וועלען אַלעם מעגליכע אַנווענדען, זיך פּעראייניגען און צוזאַמען נעהמען, אַבי זיי זאָלען קענען דעם מסחר בעטרייבען ניטגעשטערט. און ווען זיי וועלען זיך אַרומקוקען אין אַבענד, אַז זיי האָבען מעהר ניט פּערדינט ווי 1 גולדען 50 קרייצער, אָדער 3 פראַנק, אָדער אַן אַנדער סומע, וועלען זיי קוקען מיט האָפנונג אויף דעם נעכסטען טאָג, וועלכער וועט פיללייכט זיין בעסער.

מיר האָבען זיי געשאַנקען די האָפנונג.

וויל מען וויסען פון וואַנען מיר נעהמען די בעדירפאַישען, וואָס מיר ברענגען פאַר די מערק? צי דאַרף מען עס טאַקי באמת נאָך דערצעהלען?

איך האָב פריהער געצייגט, אַז דורך דער אַרבייטס־הילף איז דער פּערדיענסט 15 מאָל אַזוי גרויס. פאַר איין מיליאָן — 15 מיליאָן, פאַר איין מיליאַרד — 15 מיליאַרד.

יעצט איז נאָר די פראַגע: וועט עס אויך אַזוי זיין ביי אַ גרויסער סומע ווי ביי אַ קלענער? די אונטערסטע שורה פון קאַ־פּיטאַל ווייזט דאָך ביי דער הויכער סומע שטענדיג אַ ריקשריט! יאָ, דאָס איז אמת, אַבער נאָר ביי דעם שלאָפענדען. מורא'דיגען און פוילען קאַפּיטאַל, וועהרענד ביי דעם אַרבייטענדען קאַפּיטאַל איז עס גאַנץ אַנדערש. דער אַרבייטענדער קאַפּיטאַל האָט זאָגאַר ביי דער הויכער סומע פון אונטערנעהמונג אַ געוואַלטיג גרויסען פּערדינסט. אין דעם ליגט דאָך די סאָציאַלע פראַגע.

איז דאָס ריכטיג וואָס איך זאָג? איך רוף פאַר דעם אַלע רייכע אידען אַלס עדות. וואָרום בעטרייבען זיי אַזוי פיעל און פערשיעדענע אינדוסטריען? וואָרום שיקען זיי מענשען אונטער דער ערד, כדי פאַר אַ קליינעם לוין אַרויסצושלעפען קוילען אונ־טער שרעקליכע געפאַהרען? איך דענק, אַז דאָס איז ניט פאַר מיר אַנגענעהם און אויך ניט פאַר די קוילען־גריבער בעזיצער. איך גלויב דאָך ניט אין דער האַרצלאָזיגקייט פון די קאַפּיטאַליסטען

און שטעל מיר אויך ניט פאָר, אז איך גלויב עס. איך וויל ניט ארויסרופען קיין שנאה, זאָנדערן פיהרען צום שלום.

דאַרף איך אויך ערקלערען פאַר די פרומע וואנדערער דעם גם פון דער מאסע, ווי אזוי מען זאָל זיי פיהרען אויף פערשידענע פונקטען?

איך וואָלט זעהר ניט געוואָלט באַליידיגען קיינעמס געפיהלען דורך ווערטער, וועלכע מען וואָלט געקענט שלעכט פערטייטשען.

אבער איך זאָג נאָר קורץ, אז גראַדע אזוי ווי דער צוג אין דער מאהאמעדאַנישער וועלט איז נאָך מעקא, אונטער די קאַטאָליקען נאָך לורד און אנדערע פלעצער, פון וואנען מענשען געהען צוריק געטרייסט דורך זייער גלויבען — גראַדע אזוי וועלען די טיפע גלויבענס־בעדירפניסען ווירקען ביי אונזערע ברידער אום זיי זאָלען זייער ציעל־פונקט דערגרייכען. אונזערע גייסטליכע וועלען אונז דאָך צוערשט פערשטעהן און מיט אונז מיטגעהן.

מיר ווילען, אז דאָרט, אין דעם נייעם לאַנד, זאָל יעדער ווערען גליקליך, לויט נאָך זיין אייגענעם געשמאַק. דאָס זאָל געשעהן אויך פאַר אונזערע טייערע פריי־דענקער און פאַר אונזער ארמעע, וועלכע וועט שטענדיג נייע עראָבערונגען מאַכען פאַר דער מענשהייט.

אויף קיין מענשען זאָל ניט אויסגעאיבט ווערען קיין אנדער צוואנג, אויסער דעם וואס איז נויטיג צו דער ערהאַלטונג פון שטאַט און פון אָרדנונג. און נויטהווענדיגקייט זאָל ניט באשטימט ווערען דורך איינער אָדער מעהרערע פערזאָנען וואס וועלען זיך בייטען, נאָר דורך שטענדיגע בעשטימטע געזעצען. ווען מען וויל בעווייזען פון מיינע ביישפיעלען, אז די מאסע בייט זיך אין די ציעל־פונקטען פון גלויבען און פערדיענסט, קען מען דאָס זעהר לייכט טהאָן. אזא ציעל־פונקט קען נאָר די מאסען צוציהען. אבער אלע אנציהונגס־פונקטען צוזאַמען זיינען נאָר דערפאַר געשאַפען, אום די מאסען אימער צוזאַמען צו האַלטען און זיי צו בעפרידיגען. דיעזע אַנציהונגס־פונקטען בילדען אין איינעם איין גרויסע איינהייט, וועלכע מען האָט שוין לאַנג געזוכט און דאָס פאָלק האָט נאָך איהר געבענקט. דורך דער איינהייט האָט זיך דאָס פאָלק אויך געהאַלטען צוזאַמען. און עקזיסטירט טראָץ דער אונטערדריקונג: די פרייע היימאַט! ווען די בעוועגונג וועט ענטשטעהן, וועלען מיר איינעם

לאַזען נאַכגעהן די אנדערע — נאַכפּליהען, די דריטע — ווערען מיטגעריסען און די פיערטע וועלען שוין זיך נאַכשטופּען.

די וואָס וועלען זיין די שפּעטעסטע נאַכצוקומען, וועלען אי דאָ אי דאָרטען זיך פיהלען זעהר שלעכט.

אָבער די ערסטע, וועלכע וועלען אריבערקומען גלויביג, בע־גייסטערט און מוטהיג, וועלען די בעסטע פּלעצער פאַרנעהמען.

אונזער מענשען-מאַטעריאל.

איבער קיין פאָלק האָט מען אזוי פיעל טעות'ן ניט פער־בריט, ווי איבער אידען. און מיר זיינען געוואָרען דורך געשיכט־ליכע צרות, אזוי געדריקט און מוטלאָז, אז מיר אליין זאָגען שוין אויך נאָך דיזעלבע טעות'ן און גלויבען אין זיי. צו די פאַלשע בע־הויפּטונגען געהערט אויך דאָס, אז אידען האָבען אן אומגעלומ־פּערטע האנדעלס-לוסט. עס איז אָבער בעקאַנט, אז דאָרט וואו מיו זעהן א מעגליכקייט צו ווערען גרויסע פּריצים, זאָגען מיר זיך אָב פון מסחר. דאָן לאָזען גאָר די אידישע סוחרים זייערע זיהן זיך בילדען. דערפון קומט ארויס די בעשולדיגונג, אז די געבילדעטע פּראָפעסיאָנען זיינען פעראידישט. אָבער אויך אונטער די שוואַכערע ווירטהשאַפטליכע שיכטען איז אונזער האנדעלס-לוסט פּאָזיטיוו ניט אזוי גרויס ווי מען בעהויפּטעט. אין די מזרח-אייראָפּעאישע לענדער זיינען פאַרהאַן מאַסען אידען, וואָס ריהרען זיך גאָר ניט צו צום מסחר און וואָס שרעקען זיך ניט אָב פאַר דער שווערס־טער ארבייט. די „אידישע געזעלשאַפט" וועט אימשטאַנד זיין צוצוגרייטען די גענויע וויסענשאַפטליכע סטאַטיסטיק פון אונזע־רע מענשען-קרעפטען. די נייע אויפגאַבען און אויסזיכטען וואָס ערוואַרטען אונז אין נייעם לאַנד וועלען אונזערע יעצטיגע בעלי־מלכות בעפרידיגען און די יעצטיגע קליינע סוחרים'לעך וועלען ווערען האַנד-ארבייטער.

א הויזירער, וועלכער שלעפּט זיך מיט דעם שווערען פּאַק אויפ'ן רוקען איבער דעם לאַנד, פיהלט זיך ניט אזוי גליקליך ווי זיינע פערפאָלגער גלויבען. דער 7-שטונדיגער ארבייטס-טאָג וועט

פון אלע לייט מאכען ארבייטער. זיי זיינען בראווע מענשען און לײדען פיליכט יעצט אם שווערסטען. איבריגענס וועט זיך די „אידישע געזעלשאפט“ פון אנפאנג אן בעשעפטיגען צו ערציהען ארבייטער. די לוסט צום מסחר וועט ערוועקט ווערען אויף א ריכטיגען אופן. דער איד איז שפּאָרזאם, כיטרע, און ערפילט פון דעם שטארקסטען פאמיילען־זינן. אזעלכע מענשען פאסען זיך צו צו אלץ און עס וועט גענוג זיין דעם קליין־האנדעל אביסעל ניט צו ערמוטהיגען, כדי אבצוגעוועהנען דערפון די יעצטיגע הויזירער. דערצו דיענט אלס ביישפיעל די איינריכטונג פון גרויסע איינקויף־הייזער, וואו מען קריגט אלץ. דיעזע אוניווערזאלע איינקויף־הייזער צודריקען שוין יעצט, אין די גרויסע שטעדט דעם קליין־האנדעל. אין א נייער קולטור וועלען זיי ניט דערלאזען דעם קליינעם האנ־דעל געשאפען ווערען. אזא איינריכטונג וואלט שוין געהאט די פעולה, דאס לאנד צו מאכען בעוואהנבאר אויך פאר מענשען מיט פארגעשריטענע בעדירפניסען.

קליינע געוואָהנהייטען.

לוינט עס זיך, לויט דעם ערנסט פון דעם ווערק, אז איך זאל אביסעל אויך רעדען פון די געוואָהנהייטען און בעקוועמליכקיי־טען פון דעם אלטעגליכען מענשען?

איך גלויב, אז יא. עס איז זאגאר זעהר וויכטיג. אט די קליינע געוואָהנהייטען זיינען ווי טויזענד פאדעמס פון וועלכע יעדער בע־זונדער איז דין און שוואך — אבער צוזאמען זיינען זיי א שטריק וואס קען זיך ניט איבעררייסען.

אויך ביי דעם פונקט מוז מען זיך בעפרייען פון בעגרענעצטע פארשטעלונגען. ווער עס האט עפּעס געזעהן פון דער וועלט, דער וויים, אז גראדע די קליינע אלטעגליכע געוואָהנהייטען ווערען שוין יעצט זעהר לייכט איבעראל פערפלאנצט. די טעכנישע ערובערונגען פון אונזער צייט, וועלכע מיר ווילען אין דעם פּלאן פערווענדען פאר די מענשליכקייט, זיינען ביז אהער פערווענדעט געוואָרען פאר די קליינע געוואָהנהייטען. עס זיינען פאראן ענגלישע האָטעלען

אין עגיפּטען ווי אויף אויף די שפּיץ־בערג פון דער שווייץ: וויענער קאפע־הייזער — אין זיד־אפריקא: פראנצויזישער טהעאטער — אין רוסלאנד: דייטשע אפּער אין אמעריקא און דאס בעסטע בייערישע ביער — אין פאריז.

ווען מיר וואנדערן נאך אמאל אויס פון מצרים, וועלען מיר ניט פערגעסען אן די פלייש־טעפ.

אין יעדער ארטס־גרופּע קען און וועט יעדער זיינע קליינע געוואהנהייטען ווידער געפינען. בלויז מיט דער אויסנאהם, וואס זיי וועלען זיין בעסער, שעהנער און אנגענעהמער.

די „אידישע געזעלשאפט" און דער אידענשטאאט.

די שריפט איז ניט באשטימט פאר פאך־יוריסטען, דערפאר קען איך אויך די טהעאריע וועגען דעם רעכטס־גרונד פון שטאט בלויז אויבערפלעכליך בעהאנדלען, אזוי ווי איך האב געטהאן מיט פיעל אנדערע זאכען.

פונדעסטוועגען מוז איך לעגען עפעס א געוויכט אויף מיין נייער טהעאריע, וועלכע וועט סאי־ווי־סאי געשטעלט ווערען אונטער א דיסקוסיאן פון רעכטס־געלעהרטע.

רוס'אס היינטפערעלטערטע פערפאסונג האט געוואלט געבען דעם שטאט א געזעלשאפטס־קאנטראקט. רוסא מיינט: „די פונקטען פון דעם קאנטראקט זיינען אזוי בעשטימט דורך דער נאטור פון דער זאך, אז די מינדעסטע ענדערונג איז איהר מבטל און מוז איהר מאכען אהן ווירקונג. דער פועל־יוצא דערפון איז, כאטש זיי ווערען פיליייכט קיינמאל ניט אויסדריקליך אויסגעשפראכען, זיינען זיי דאך איבעראל אנגענומען און אנערקענט גלייך און שטילשווייגענד א. ז. וו."

דער לאגישער און געשיכטליכער אבפרעג פון רוסא'ס טהעאריע איז געווען און געבליבען ניט שווער, ווי שרעקליך און פרוכטבאר די טהעאריע האט אויך געקענט ווירקען. פאר די מאדערנע קאנסטיטוציאנעלע לענדער איז די פראגע, אויב פאר דער קאנסטיטוציאן האט שוין עקזיסטירט א געזעלשאפטס־קאנטראקט מיט „ניט אויסדריקליך אויסגעשפראכענע, אבער איינגעשלאסענע פונקטען." אהן א פראקטישען אינטערעס. יעצט איז דאס רעכטס־פערהעלטניס צווישען רעגירונג און בירגער יעדענפאלס בעשטימט.

אבער פאר דער איינריכטונג פון א קאנסטיטוציאן און ביי דער שאפונג פון א נייעם שטאט זיינען די גרונד פרינציפען אויך פראקטיש וויכטיג. אזוי נייע שטאטען קענען נאך אימער אויפקומען, ווייסען מיר און זעהען. קאלאניען פאלען אב פון מוטערלאנד, אונטערווארפענע רייסען זיך אב פון זייערע בעשיצער און

נייע טעריטאָריעס ווערען גלייך געגרינדעט אלס פרייע שטאַטען. דער אידענשטאַט איז איבערהויפט א גאַנץ אייגענטהימליכע נייע געביידע אויף נאָך אַן אונבעשטימטע טעריטאָריע. אבער ניט די שטרעקען פון די לענדער איז דער שטאַט, נאָר דער שטאַט איז די מענשען וואָס ווערען צוזאַמען־געפרעסט דורך א הערשאַפט.

דאָס פאָלק איז די פערזענליכע גרונדלאַגע פון דעם שטאַט און דאָס לאַנד די זאַכליכע אורזאַך. און פון אָט די צוויי גרונדלאַגען, איז די פערזענליכע די וויכטיגערע. עס איז פערהאַן, צום ביישפּיעל, א הערשאַפט אָהן דער זאַכליכער גרונדלאַגע, און זי איז זאָגאַר די געאַכטעסטע אויף דער ערד: דאָס איז די הערשאַפט פון פּאַפּסט.

אין דער וויסענשאַפט פון שטאַט הערשט יעצט די טהעאָריע פון פערנונפטס־נויטהווענדיגקייט. דיזע טהעאָריע איז גענוג, אום צו רעכטפערטיגען די ענטשטעהונג פון שטאַט, און זי קען ניט געשיכטליך אָבגעלייקענט ווערען, ווי די קאָנטראַקט־טהעאָריע. זי וויכט אבער אוים דעם רעכטס־גרונד פון שטאַט. לויט דער מאָדערנער מיינונג, פּאַסט זיך ניט די טהעאָריע פון דער געטליכער גרינדונג צו דער איבערמאַכט פון דער פּאַטריאַרכען־טהעאָריע, ירושה־טהעאָריע און קאָנטראַקטס־טהעאָריע. דער רעכטס־גרונד פון שטאַט ווערט באַלד געזוכט אין דעם מענשען (איבערמאַכט, פּאַטריאַרכען און קאָנטראַקטס־גרינדונג) באַלד גאָר איבער דעם מענשען (געטליכע גרינדונג). די פערנונפטס־נויטהווענדיגקייט לאָזט די פראַגען גאַנץ בעקוועם אָדער פאָרזיכטיג ניט פערענטפערט. א פראַגע מיט וועלכער עס האָבען זיך בעשעפטיגט אלע רעכט־פילאָזאָפען פון דער וועלט, קען דאָך ניט זיין גאַנץ פּוסט. טהאַטזעכליך ליגט אין שטאַט א פערמישונג פון מענשליכע זאַכען און איבערמענשליכע זאַכען. דאָס דריקענדע פערהעלטניס וואָס ליעגט צו מאָל צווישען די רעגירטע און רעגיערענדע, העלפט אויך ניט קיין רעכטס־גרונד. איך גלויב אבער, אז מען קען איהם געפינען אין דער געשעפטס־פיהרונג אין דעם קען מען רעכענען די בירגער אלס געשעפטס־הערשאַפט און די רעגיערונג אלס דעם געשעפטס־פיהרער.

דער וואונדערבארער רעכטס־זינען פון די רוימער, האָט געשאַפען א מייסטערווערק אין דעם וואָרט „געשעפטס־פיהרונג“. ווען דאָס גוט פון א געדריקטען איז אין געפאהר, דארף יעדער צוקומען און עס ראַטעווען. דאָס איז דער פיהרער פון פרעמדע געשעפטען. ער האָט קיין אויפטראַג, דאָס הייסט, קיין מענשליכען אויפ־

טראָג ניט. זיין אויפטראג איז געגעבען געוואָרען פון א העכערער נויטווענדיגקייט. די העכערע נויטווענדיגקייט קען פאר דעם שטאט אויף פערשיעדענע ארטען אויסגעארבייט ווערען, און ווען אויך אויסארבייטען די איינצעלנע קולטור־שטופען אויף פערשידענע ארטען. געריכטעט איז די געשעפטס־פיהרונג אויף ־עם וואהל פון דער געשעפטס־הערשאפט, דאס הייסט פון פאָלק צו וועלכען דער געשעפטס־פיהרער בעלאנגט טאקי אויך אין דער זעלבער צייט.

דער געשעפטס־פיהרער פערוואלטעט זיין גוט, פון וועלכען ער איז טאקי אויך דער אייגענטהימער. פון זיין גוט־אייגענטהום גע־ניסט ער די ערפאהרונג וואס קומט פון דעם נייטה־שטאנד, אבער ער גיט זיך ניט אליין, אלס אייגענטימער, א גילטיגען אויפטראג. ער קען העכסטענס רעכנען, אין א גייסטיגען פאל, אויף דער איינשטימונג פון די אונצעהליגע גוט־אייגענטהימער.

דער שטאט ענטשטעהט דורך דעם קאמף אום'ס דאזיין פון א פאָלק. אין דעם קאמף איז עס ניט מעגליך צו דערגרייכען א גע־זעצליכען אויפטראג אויף א נארמאלען אופן. דאס וואלט יעדע אונטערנעהמונג פון פאראויס קאליע געמאכט, ווען מען זאל וועלען פריהער האבען א רעגעלמעסיגען בעשלוס פון דער מעהר־צאהל. די אינערליכע צוטהיילונג וואלט ענטוואפענט דאס פאָלק געגען דעם אויסערליכען נויטה־שטאנד. מען קען ניט ברענגען אלע קעפ אונטער איין הוט. דערפאר נעהט דער געשעפטס־פיהרער און טהוט זיך בלויז אן דעם הוט און געהט אן פארוועטרם מיט זיין ארבייט.

דער געשעפטס־פיהרער פון שטאט איז גענוג בערעכטיגט זיך צו העלפען, ווען ער זעהט, אז דאס פאדערן די אלגעמיינע אינטע־רעסען. ווען ער זעהט, אז די אלגעמיינע עקסיסטענץ איז אין גע־פאהר און אז דאס פאָלק קען זיך ניט העלפען. ווייל עס פעהלט איהם דער אלגעמיינער ווילען.

און וואס בעדייט דאס אלץ אין אונזער פאל?

דאס אידישע פאָלק איז יעצט געשטערט זיינע פאָליטישע געשעפטען אליין צו פיהרען. דערביי ליידעט דאס אידישע פאָלק אויף פערשיעדענע פונקטען דורך דער לייכטער און שווערער אונ־טערדריקונג. דאס פאָלק נויטיגט זיך אלזא קודם כל אין א גע־שעפטס־פיהרער.

דיזער געשעפטס-פיהרער דארף אבער נאַטירליך ניט זיין קיין איינצעלנע פערזאָן. אזא זאך וואָלט געווען לעכערליך אָדער גאָר צו פעראכטען.
דער אידישער געשעפטספיהרער דארף יעדענפאַלס זיין א מאָראַלישע פערזאָן.
און דאָס איז די „אידישע געזעלשאפט".

דער אידישער געשעפטס-פיהרער.

דער אָרגאַן פון דער פאָלקס-בעוועגונג, וואָס מיר וועלען יעצט אונטערזוכען, וועט פון אַלעם אנדערע ענטשטעהן. די ענטשטעהונג איז זעהר איינפאך. פון דעם קרייז פון די ענגלישע בראווע אידען, וועלכע איך האָב אין לאָנדאָן דעם פּלאַן מיטגעטהיילט וועט זיך בילדען די מאָראַלישע פערזאָן.
די „אידישע געזעלשאפט" איז דער מיטעלפונקט פון וואַנען עס פאנגט זיך אָן די אידישע בעוועגונג.
די „געזעלשאפט" האָט וויסענשאפטליכע און פּאָליטישע אויפגאבען. די גרינדונג פון דעם אידענשטאַט, ווי איך שטעל עס מיר פאָר, האָט מאָדערנע וויסענשאפטליכע פלענער. ווען מיר וואַנדערן היינט אויס פון מצרים, קען עס מעהר ניט געשעהן אויף דעם אונשולדיגען אופן, ווי אין די אַלטע צייטען. מיר וועלען זיך פריהער אבגעבען א חשבון וועגען אונזער צאָהל און קראפט. די „אידישע געזעלשאפט" איז דער נייער אידישער משה. די אונטערנעהמונג פון דעם אַלטען גרויסען אידישען פיהרער אין די איינפאַכע צייטען, קען מען פערגלייכען מיט אונזער צייט, גראדע ווי א שעהנע אַלטע ליעד מיט א מאָדערנער אָפּערא. מיר שפּילען דיזעלבע מעלאָדיע מיט א סך מעהר פידלען, קלאַרנעטען, הארפען, טשעלאָ, באַס, עלעקטרישע ליכט, דעקאָראַציאָנען, כאָרען, פּרעכטיגע אויסשטאַטונג און מיט ערשט-קלאַסיגע זינגערס.
דאָס ווערק דארף עפענען דעם אַלגעמיינעם ויכוח איבער דער אידענפראַגע. פריינד און שונאים וועלען זיך אין דעם בעטהייליגען — איך האָף אבער, אז עס וועט ניט געשעהן מעהר ווי ביז אהער,

מיט אויפרעגונג און זידלעריי. די דעבאטע דאַרף געפיהרט ווערען גרויס, ערנסט און פּאָליטיש.

די „אידישע געזעלשאַפט" וועט זאַמלען אַלע בעקאַנטמאַ־כונגען פון די שטאַטסמענער, פּאַרלאַמענטען, אידישע חברות, פעראיינען, וועלכע ערשיינען אין וואָרט און שריפט, אין פערזאַמ־לונגען, צייטונגען און ביכער.

אויף אַזאַ אופן וועט די „געזעלשאַפט" צום ערשטען מאָל זיך דערוויסען און פעסט שטעלען, צי די אידען מוזען און זאָלען שוין אויסוואַנדערן אין געלויבטען לאַנד. די „געזעלשאַפט" וועט ער־האַלטען די הילף פון אַלע אידישע געמיינדען אין דער גאַנצער וועלט פאַר אַן אַלגעמייענר סטאַטיסטיק.

די שפּעטערדיגע אויפגאַבען, די וויסענשאַפטליכע אויספאָר־שונג פון דעם נייעם לאַנד און זיינע נאַטירליכע הילפס־מיטלען, דעם פּלאַן צו וואַנדערן און בעזעצען זיך, די ערשטע אַרבייטען פאַר די געזעץ־געבונג און פערוואַלטונג, א. ז. וו. דאָס אַלץ וועט זיך פון דעם צוועק פערנינפטיג ענטוויקלען.

אין דרויסען מוז די „געזעלשאַפט" פּרובירען, ווי איך האָב שוין געזאָגט, אַנערקענט ווערען אַלס שטאַטס־בילדענדע מאַכט. פון דער פרייער צושטימונג פון פיעל אידען קען זי שעפּען די נויטי־גע אויטאָריטעט פון די רעגירונגען.

אינעוועניג ווידער, דאָס הייסט וואָס איז נוגע דעם אידישען פאָלק, שאַפט די „געזעלשאַפט" די נויטווענדיגע איינריכטונגען פאַר דער ערשטער צייט — זי לעגט דעם פונדאַמענט פאַר די וויי־טערדיגע איינריכטונגען אין אידענשטאַאַט.

דאָס ערשטע ציעל איז, ווי איך האָב שוין געזאָגט, די געזוי־כערטע הערשאַפט פון פעלקער־רעכט צו עטאַבלירען אויף אַ שטיק לאַנד וואָס זאָל זיין גענוג פאַר אונזערע בעדירפנישען.

וואָס זאָל נאָכדעם געשעהן?

דאָס פאַרנעהמען פון לאַנד.

בעשת די פעלקער האָבען געוואַנדערט אין די היסטאָרישע צייטען, האָבען זיי זיך פון דער וועלט׳ס צופאַל געלאָזט טראָגען,

ציהען און שליידערן. ווי מחנות היישעריקען זיינען זיי געגאַנגען אָהן אַ ציעל ביז זיי האָבען זיך ערגעץ וואו אבגעשטעלט. מען דאַרף אָבער ניט פערגעסען, אַז אין די היסטאָרישע צייטען האָט מען די ערד ניט געקענט.

די נייע אידישע וואַנדערונג מוז געהן נאָך אַ ווימענשאַפטלי־כען פּלאַן.

נאָך מיט עטליכע און פערציג יאָהר צוריק איז דאָס גאָלד־גראַבען בעטריבען געוואָרען אויף אַ וואונדערבאַרען אופן. ווי אויפרעגענד דאָס איז צוגעגאַנגען אין קאַליפאָרניען! אויף דער נאַכריכט זיינען זיך צוזאַמען געלאָפען אַלע געפעהרליכע מענשען פון דער ערד, גע'גנב'עט פון דער ערד און גערויבט דאָס גאָלד איי־נער פון דעם אַנדערן — און זיי האָבען עס דאַן אויך פערשפּיעלט רויבער־מעסיג.

היינט! זאָל מען נאָר זעהן ווי עס געהט צו ביי דעם גאָלד־גראַבען אין טראַנסוואַל. דאָרט זיינען מעהר ניטאָ קיין ראָמאַנטישע חברה־לייט, זאָנדערן ניכטערנע געאָלאָגען און אינזשעניערען פיהר־רען די גאָלד־אינדוסטריע. פּראַכטפולע מאַשינען ציהען אַרויס די גאָלד פון צווישען די שטיינער. מען פערלאָזט זיך שוין זעהר ווע־ניג אויף דעם צופאַל.

אַזוי מוז מען דאָס אידישע לאַנד אויספאָרשען מיט אַלע מאָ־דערנע הילפס־מיטלען בעת מען וועט עס פאַרנעהמען.

אַזוי באַלד ווי דאָס לאַנד איז געזיכערט, דאַן פאָהרט דער שיף מיט אַ ספּעציעלען עולם גלייך אריבער.

אונטער דעם עולם געפינען זיך די פערטרעטער פון דער „גע־זעלשאַפט", פון דער „קאָמפּאַניע" און פון די אָרטס־גרופּען.

די לאַנד־נעהמער האָבען דריי אַרבייטען: 1) די גענויע ווי־סענשאַפטליכע אויספאָרשונג פון די נאַטירליכע אייגענשאַפטען פון לאַנד; 2) די איינריכטונג פון אַ צענטראַליזירטע פערוואַלטונג; 3) די לאַנדפערטהיילונג. די אויפגאַבען בינדען זיך איינע אין דער צווייטער און זיינען שוין גענוג אום דעם בעקאַנטען צוועק אויסצור־פיהרען.

נאָר איין זאַך איז נאָך ניט ערקלערט: נעמליך, ווי עס זאָל צוגעהן מיט דעם פאַרנעהמען פון לאַנד לויט נאָך די אָרטס־גרופּען. אין אַמעריקא בעשעפטיגט מען זיך נאָך אויך זעהר איינ־

פאַך ביי דער פאַרנעהמונג פון אַ נייער טעריטאָריע. די לאַנד־נעהמער פערזאַמלען זיך ביים גרענעץ און פאַלען אריין צוזאַמען צו דער בעשטימטער שטונדע מיט געוואַלט.

דאָס וועט מען ניט טהאָן אין נייעם לאַנד. די פּלעצער פון די פּראָווינצען און שטעדט וועלען פאַרנאַנדערגעגעבען ווערען דורך אָוקציאָן, ניט פאַר געלד, זאָנדערען פאַר לייסטונגען. עס וועט פעסט געשטעלט ווערען לויט דעם אַלגעמיינעם פּלאַן, וועלכע גאַסען, בריקען, וואַסער־לייטונגען א. ז. וו. עס זיינען נויטיג פאַר דעם פערקעהר. דאָס וועט געמאַכט ווערען לויט פּראָווינצען. אין די פּראָווינצען גופא וועלען די שטעדטישע פּלעצער אויפ'ן עהנליכען אופן פאַרקויפט ווערען. די אָרטסגרופּען איבערנעהמען די עובדא, דאָס אַלץ דורכצופיהרען. זיי וועלען געבען די הוצאות דאַפיר. די „געזעלשאַפט“ וועט אין דער־זעלבער צייט אימשטאַנד זיין פריהער צו וויסען, אויב די אָרטס־גרופּען ברענגען ניט צו גרויסע אָפּפער. די גרעסטע קהלות ער־האַלטען גרעסערע פּלעצער פאַר זייערע טהעטיגקייטען. גרעסערע אָפּפער וועלען בעלוינט ווערען דורך געוויסע זאַכען: אוניווערזיטע־טען, פאַך־שולען, הויך־שולען א. ז. וו. און אַזעלכע שטאַטס־אינס־טיטוטען וואָס מוזען ניט זיין גראַדע אין דער הויפּט־שטאַדט ווע־לען פערשפּרייט ווערען איבער דעם גאַנצען לאַנד.

פאַר די ריכטיגע אויספיהרונג פון דעם איבערגענומענעם גאַראַנטירט דער אייגענער אינטערעס פון די, וואָס בעזעצען זיך. און, אין אַ נויטהה, אַלע איינוואָהנער. ווייל אַזוי ווי מיר ווילען ניט אוועקנעהמען דעם אונטערשיד צווישען איינצעלנע פּערזאָנען, אַזוי ווילען מיר אויך לאָזען דעם אונטערשיד פון די אָרטס־גרופּען. אַלץ מוז זיך ענטוויקלען אויף אַ נאַטירליכען אופן. די ערוואָרבענע רעכ־טע ווערען געשיטצט, און די נייע ענטוויקלונג באַקומט דעם נויטהה־ווענדיגען פּלאַץ.

די זאַכען וועלען אַלע בעקאַנט ווערען אונזערע לייט.

אַזוי ווי מיר ווילען ניט אַנדערע נאַרען, אַזוי ווילען מיר זיך אַליין אויך ניט נאַרען.

פון פאַראויס וועט אַלץ געשטעלט ווערען אונטער אַ ריכטיגע פּלאַן. ביי דער אויסאַרבייטונג פון דעם פּלאַן וועלען זיך בעטייליגען אונזערע שאַרפזיניגע קעפּ. אַלע סאָציאַלע וויסענשאַפטען און

טעכנישע עראָבערונגען פון דער צייט אין וועלכער מיר לעבען, און אין דער אַלע העכערער צייט אין וועלכער אונזער פּלאַן וועט זיך לאַנגזאם ענטוויקלען — אַלץ וועט פערוועגדעט ווערען פאַר אונזער צוועק. מען וועט זיך בענוצען מיט אַלע גליקליכע ערפינדונגען, וועלכע זיינען שוין דאַ, און וועלכע וועלען נאָך ערשיינען. אויף אַזאַ אופן קען די פאָרמע פון אונזער שטאַט־גרינדונג האָבען אַזעלכע געלעגענהייטען, וואס מען האָט נאָך ביז יעצט ניט געהאַט.

קאָנסטיטוציאָן.

איינע פון די גרויסע קאָמיסיעס וואס די „געזעלשאַפט" וועט ערנענען, וועט זיין דער ראטה פון די שטאַטס־יוריסטען. זיי מוזען פערפאַסען די בעסטע מאָדערנע קאָנסטיטוציאָן. איך מיין, אַז אַ גוטע קאָנסטיטוציאָן זאָל זיין פון אַזאַ זאָרט, וואָס זאָל זיך ניט לאָזען צופיעל מפורש זיין. אין איין אַנדער ווערק האָב איך ערקלערט, וועלכע שטאַטס־רעפאָרמען מיר געפעלען אַם בעסטען. איך האַלט די דעמאָקראַטישע מאָנאַרכיע און די אַריסטאָקראַטישע רעפובליק פאַר די פיינסטע פאָרמען פון אַ שטאַט. שטאַטס־פאָרמע און רעגירונגס־פּרינציפּ מוזען שטעהן גלייך איינע נעבען אַנאַדער. איך בין אַן איבערצייגטער פריינד פון מאָנאַרכישע איינריכטונגען, ווייל זיי קענען אָנהאַלטען אַ בעשטענדיגע פּאָליטיק און קענען זוכען ערהאַלטונג פון אַזאַ שטאַט וואָס איז פערבונדען מיט אַ געשיכטליך בעריהמטער פאַמיליע, וועלכע איז געבאָרען און אויפגעצויגען צו הערשען. אונזער געשיכטע אָבער איז שוין זייט אַזוי לאַנג אונטערבראָכען, אַז מיר קענען זיך ניט מעהר פערבינדען מיט אַזאַ איינריכטונג. דאָס פּרובירען אַליין וואָלט שוין געווען לעכערליך.

די מאָנאַרכיע אָהן דעם נוצליכען געגענגעוויכט פון אַ מאָנאַרך טויג דערפאַר ניט, ווייל דאָס פיהרט צו פּאַרלאַמענטאַרישע פּלוידעריי און צו דער מיאָס'ער כנופיא פון פּראָפעסיאָנעלע פּאָליטיקער. די יעצטיגע פעלקער זיינען אויך גאַר ניט פּאַסיג פאַר אַן אונבעגרענעצטע דעמאָקראַטיע, און איך גלויב, אַז זיי וועלען אין

דער צוקונפט נאָך וועניגער פּאַסיג זיין דאַפיר. די ריינע דעמאָקראַ־טיע שרייבט פאַר זעהר איינפאַכע מדות, און אונזערע מדות ווערען יעדעס מאָל אַלץ פערדרעהטער מיט דעם פערקעהר און מיט דער קולטור. „דער בעוועגענדער כח פון א דעמאָקראַטיע איז די טוגענד" זאָגט מאָנטעסקיע, און וואו געפינט מען די טוגענד, די פּאָליטישע מיין איך? איך גלויב ניט אין אונזער פּאָליטישער טוגענד, ווייל מיר זיינען אַנדערש ווי אַנדערע מאָדערנע מענשען, און ווייל אין דער פרייהייט וועט דאָס ערשטע זיין וישמן ישורון ויבעט. דאָס רעפערענדום האַלט איך פאַר ניט שכל'דיג, ווארום אין דער פּאָ־ליטיק זיינען ניט פערהאַנען קיין איינפאַכע פראַגען, וואָס מען זאָל בלויז דארפען פאַרענטפערן מיט יא און ניין. די מאַסען זיינען אויך ערגער איידער די פּאַרלאַמענטען; זיי זיינען אונטערוואָרפען אונ־טער יעדען טעות און געגייגט צו יעדען מויל־העלד. פאַר דעם פער־זאַמעלטען פּאָלק קען מען ניט פיהרען ניט קיין אויסערע און ניט קיין אינערע פּאָליטיק.

פּאָליטיק מוז מען פיהרען פון אויבען ארונטער. אין אידענ־שטאַט זאָל קיינער ניט פערשקלאַפט ווערען, ווייל יעדער איד קען אויפשטייגען און וועט וועלען אויפשטייגען. אויף דעם שטייגער מוז קומען א געוואַלטיגער צוג נאָך אויבען אין אונזער פּאָלק. יע־דער איינציגער וועט זוכען זיך זעלבסט אויפצוהויבען און וועט דאָס טהאָן פאַר אַלע. דאָס אויפשטייגען וועט מען מוזען פערקני־פען מיט דער זיטליך־דיענענדע פאָלקס־אידעע פאַר די נוצען פון שטאַט.

דארום שטעל איך מיר פאָר אן אריסטאָקראַטישע רעפּובליק. דאָס פּאַסט צו דעם גייסט פון האַלט האָבען כבוד פון אונזער פּאָלק. וועלכער איז יעצט אויף א נארישען אופן פערדאָרבען געוואָרען. מאַנכע איינריכטונגען פון וועגעדיג שוועבען פאַר מיינע אויגען; אבער אַלץ, דורך וואָס וועגעדיג איז צו גרונד געגאַנגען דארף מען פערמיידען. מיר ווילען לערענען פון די געשיכטליכע פעהלערן פון אַנדערע גראדע ווי פון אונזערע אייגענע. אונזער פּאָלק, וועמען די „געזעלשאַפט" גיט דאָס נייע לאַנד, וועט אויך אַנגעהמען מיט דאַנקבארקייט די קאָנסטיטוציאָן וואָס די „געזעלשאַפט" וועט איהם געבען. וואו עס וועט זיך אבער ווייזען א ווידערשטאַנד, וועט איהם

די „געזעלשאפט“ ברעכען. זי וועט זיך ניט לאָזען שטערען אין איהר ארבייט דורך באשרענקטע אָדער שלעכטע איינצעלנע מענשען. מענשען.

שפּראַך.

פּיליכט דענקט ווער, אז עס וועט זיין א שוועריגקייט דער־פאַר, ווייל מיר האָבען ניט קיין געמיינזאמע שפּראַך. מיר קענען דאָך ניט רעדען איינער מיט אנדערן העברעאיש. ווער פון אונז קען געגוג העברעאיש אום ער זאָל אין דיעזער שפּראַכע פערלאַנ־גען א באהן־בילעט? דאָס איז ניטאָ. פון דעסטוועגען איז די אנגע־לעגענהייט זעהר איינפאַך. יעדער בלייבט ביי זיין שפּראַך, וועלכע איז די ליעבע היימאטה פון זיינע געדאנקען. פאַר די מעגליכקייט פון דער שפּראַכען־פעראייניגונג איז די שווייץ א גוטער ביישפּיל. מיר וועלען אויך בלייבען אין נייעם לאַנד, וואָס מיר זייגען יעצט, גראדע ווי מיר האָבען קיינמאָל ניט אויפגעהערט צו ליעבען מיט וועהמוט אונזערע פאטער־לענדער פון וואַנען מען פערטרייבט אונז.

פון די צודרעהטע און פארקריפּעלטע זשאַרגאָנס, מיט וועלכע מיר בעדינען זיך יעצט, פון אָט די גהעטאָ־שפּראַכען, וועלען מיר זיך אָבגעוועהנען. דאָס זיינען געווען די געהיימע שפּראַכען פון געפאַנגענע. אונזערע פאָלקס־לעהרער וועלען זיך שוין דערמיט בעשעפטיגען. די שפּראַך וואָס וועט ניצליכער זיין פאַר דעם אלגע־מיינעם פערקעהר וועט זיך אליין געפינען א פּלאַץ אלס הויפּט־שפּראַך. אונזער פאָלקס־געמיינשאפט איז דאָך אן אייגענטימליכע, אָן איינציגע. מיר דערקענען אונז בלויז אין דער אמונה פון אונזערע עלטערן אלס קרובים.

טהעאָקראַטיע *)

וועלען מיר אפשר אם ענדע האָבען א טהעאָקראַטיע? ניין! דער גלויבען האלט אונז צוזאמען, די וויסענשאַפט אבער מאַכט

---

*) טהעאָקראַטיע איז אַ צוזאמענשטעלונג פון צוויי גריכישע ווערטער און זיי בעדייטען גאָטעס־הערשאַפט, אָדער פּריעסטער־הערשאַפט.

אונז פריי. מיר װעלען דערפאַר אפילו ניט צולאָזען קיין טהעאָקראַ־טישען חשק ביי אונזערע גייסטליכע. מיר װעלען װיסען װי זיי פעסט צו האַלטען אין זייערע טעמפּלען, גראַדע װי מיר װעלען טהאָן מיט אונזערע סאָלדאַטען אין די קאַזאַרמעס. מיליטער און גייסטליכע זאָלען פיעל געעהרט װערען, װי עס פּאַסט פאַר זייע־רע שעהנע עמטער, און װי זיי פערדיענען. אין דעם שטאַט, װעל־כער גיט זיי די אויסצייכנונג, דאַרפען זיי זיך ניט אריינמישען, װייל זיי װעלען פעראורזאַכען אויסװערטיגע און אינערליכע צרות.

יעדער איז פריי אין זיין גלויבען אדער ניט־גלויבען, גראַדע װי אין זיין נאַציאָנאַליטעט. און װען עס זאָל זיך מאַכען, אַז אונטער אונז זאָלען װאָהנען אַזעלכע פון אַן אַנדער גלויבען אדער פון אַן אַנדער נאַציאָן, װעלען מיר זיי געבען אַן עהרענפולען שוץ און גלייכע רעכט. מיר האָבען געלערענט די טאָלעראַנץ אין אייראָפּאַ. איך זאָג דאָס אפילו ניט שפּאַטיש. פאַר יעצטיגען אַנטיסעמיטיזמוס קען מען נאָר האַלטען פעראַנטװאָרטליך די אַלטע רעליגיעזע אינ־טאָלעראַנץ אין גאַנץ װעניג פלעצער. מייסטענטהיילס איז ער אַ בעװעגונג ביי די קולטור־פעלקער, מיט װעלכען זיי װילען פערטריי־בען אַ גייסט פון זייער אייגענער פערגאַנגענהייט.

ג ע ז ע צ ע ן.

װען די פערװירקליכונג פון דער שטאַטס־אידעע װעט זיין נאָהענט, װעט די „אידישע געזעלשאַפט" לאָזען מאַכען געזעץ־גע־בערישע פאַר־ארבייטען דורך אַ יוריסטען־קאָלעגיום. פאָרלויפיג װעט יעדער איד זיין אונטערװאָרפען די געזעצען פון דעם לאַנד, פון װאַנען ער קומט. דאַן װעט באַלד קומען די גלייכע בערעכטי־גונג. עס מוזען זיין מאָדערנע געזעצען, און אויך דאָ מוז מען דאָס בעסטע אַנװענדען. עס קען װערען אַזאַ מין געזעץ־בוך, װאָס זאָל זיין דורכגעדרונגען פון אַלע גערעכטע סאָציאַלע פאָדערונגען פון דער געגענװאַרט.

די אַרמעע.

דער אידענשטאַט ווערט פאַרגעשטעלט אַלס נייטראַל. ער בעדאַרף נאָר האַבען איין אַרמעע לפנים — יעדענפאַלס מוז זי אַבער אויך בעזאָרגט זיין מיט אַלע מאָדערנע קריגס-מיטלען — און דאַס איז, כדי די אָרדנונג זאָל קענען אָנגעהאַלטען ווערען אין דרויסען אַזוי גוט ווי אין לאַנד.

די פאַהן.

מיר האַבען קיין פאַהן ניט. מיר בעדאַרפען אַלזאָ אַ פאַהן. ווען מען וויל פיהרען אַ סך מענשען, מוז מען האַבען עפּעס אַ סימבאָל אויפצוהויבען איבער זייערע קעפּ.

איך שטעל מיר פאָר אַ ווייסע פאַהן מיט זיבען גאָלדענע שטערנס. דאַס ווייסע פעלד בעדייט דאַס נייע, ריינע לעבען; די שטערנס זיינען די זיבען גאָלדענע שטונדען פון אונזער ארבייטס-טאָג. ווייל אין צייכען פון דער ארבייט געהען די אידען אין נייעם לאַנד.

געגענזייטיגקייט און אויסליפערונגס-אָבמאַכען.

דער נייער אידענשטאַט מוז אַנשטענדיג געגרינדעט ווערען. מיר דענקען דאָך פון אונזער קינפטיגע עהרע אין דער וועלט.

דאַרום מוזען אַלע פערפּליכטונגען צו די לענדער וואו מיר האַבען ביז אהער געוואוינט, אנשטענדיג ערפילט ווערען. ביליגע רייזע-הוצאות און אַלע פּריווילעגיען פאַר בעזעצען זיך, וועלען די „אידישע געזעלשאַפט" און די „אידישע קאָמפּאַניע" געבען נאָר צו אַזעלכע, וועלכע קענען ברייינגען אַ צייגנים פון די בעאַמטע אונטער וועלכע זיי זיינען געשטאַנען ביז אהער, אַז זיי האָבען זיך גוט אויפגעפיהרט.

אַלע פּריוואַט-רעכטליכע פאָדערונגען, וואָס שטאַמען נאָך פון די פערלאָזענע לענדער, זיינען אין אידענשטאַט אויך גיכער צום

קלאָגען אלס אירגענד אנדערסוואו. מיר ווע‎לען גאָר ניט ווארטען אויף קיין געגענזייטיגקייט. מיר וועלען דאָס נאָר טהאָן צוליעב אונזער עהרע. דאָן וועלען שפּעטער אונזערע פאָדערונגען אויך גע־אכט ווערען, און ניט ווי עס איז יעצט דער פאַל וואָס מאַנכע לענ־דער איגנאָרירען איינע די אנדערע.

עס איז דערפאָר זעלבסטפערשטענדליך, אז מיר וועלען די אידישע פערברעכער אויך אויסליפערן גיכער ווי אן אנדער לאַנד. דאָס וועט געשעהן ביז דאַמאָלט, ווען מיר וועלען קענען אויסאָי־בען אונזערע שטראפען נאָך אונזער געזעץ, לויט ווי עס פיהרט זיך אונטער אנדערע ציווילזירטע פעלקער. מיר שטעלען זיך דאָ אַלזאָ פאָר אן איבערגאנגס־צייט, אין וועלכער מיר וועלען אויפנעהמען אונזערע פערברעכער, ערשט נאָכדעם ווי זיי האָבען זייער שטראָף דורכגעמאכט. האָבען זיי אבער שוין זייער שטראָף דורכגעמאכט, וועלען זיי אונגערשטערט אויפגענומען ווערען. עס זאָל אויך פאַר די פערברעכער אַ נייער לעבען זיך אַנפאנגען ביי אונז.

אזוי קען די אויסוואנדערונג פאַר אייך אידען ווערען א גליקליכער קריזיס. די שלעכטע אויסערליכע בעדינגונגען, אונטער וועלכע עס געפינען זיך מאנכע פערדאָרבענע כאראקטערען, וועלען אַבגעזונדערט ווערען, און די פערבלאָנדזשעטע וועלען ווידער גע־ראַטעוועט ווערען.

איך וועל דאָ אין קורצען דערצעהלען א געשיכטע וואָס איך האָב געלעזען אין א בעריכט איבער די גאָלד־מינען פון וויטוואָטער־סטראַנד. אין א געוויסען טאָג איז ארונטערגעקומען א מאַן, זיך דאָרט בעזעצט, און אַנגעפאנגען פערשידענע אונטערנעהמונגען, ביז ער האָט געגרינדעט אן אייז־פאבריק און עס האָט איהם אַבגעגליקט. ער האָט זיך אויך נאָכדעם ערוואָרבען דורך זיין אנשטענדיגקייט די אַלגעמיינע אכטונג. מיט עטליכע יאָהר שפּעטער איז ער פּלוצ־לונג ארעסטירט געוואָרען. ער האָט אין פראַנקפורט, אלס באַנקיער, א סך שווינדלען געמאכט, איז אנטלאָפען און זיך בעזעצט אין וויטוואָטערסטראַנד אונטער א פאַלשען נאָמען און אנגעפאנגען א נייעם לעבען. ווען מען האָט איהם אוועק געפיהרט אלס געפאַנ־גענער, זיינען געקומען די אַנגעזעהענסטע מענשען ביים באַהנ־הויף, איהם געוואונשען א הערצליכען זיי־געזונד און צום ווידער־זעהן! ווייל ער האָט נאָך בעדאַרפט צוריק קומען.

די געשיכטע דערצעהלט אלץ: א נייער לעבען איז אימשטאַנד
צו פארבעסערן אפילו די פערברעכער. און מיר האבען דאָך, פאר־
העלטניסמעסיג, זעהר ווענינ פערברעכער. מען דארף נאָר דארי־
בער לעזען א סטאַטיסטיק איבער „די קרימינאַליטעט דער יודען
אין דייטשלאנד," פון דר. פ. נאטהאן אין בערלין, וואָס ער האָט
געשריעבען לויט דעם אויפטראג פון „קאָמיטע צור אבוועהר געגען
אנטיסעמטיישע אנגריפען" און צוזאמענגעשטעלט לויט די בע־
ווייזע פון די בעאמטע. נאטירליך איז אבער דאָס געגאַנטע ווערק
געשריעבען מיט דעמזעלבען טעות ווי אלע אנדערע פון דעם זארט,
וואו מען באצוועקט צו בעקעמפען דעם אנטיסעמיטיזמוס אויף א
פערנינפטיגען אופן. מען האסט אונז גראדע אזוי פיעל פאר אונ־
זערע מעלות ווי פאר אונזערע חסרונות.

די נוצען פון דער אידישער וואַנדערונג.

איך גלויב, אז די רעגירונגען וועלען גאנץ אליין שענקען עפּעס
אויפמערקזאמקייט צו דיעזען ווערק, אדער זיי וועלען עס טהאָן
צוליעב דעם דרוק פון די אנטיסעמיטען. עס איז אויך מעגליך, אז
דער פלאן וועט אין א פּאָר פלעצער סימפּאַטיש אויפגענומען ווע־
רען און מען וועט די סימפּאַטיע ארויסווייזען באלד דער „אידישער
געזעלשאפט."

דורך דער אידישער וואנדערונג, ווי איך מיין, קענען קיין
ווירטשאפטליכע קריזיסען ניט ענטשטעהן. אזעלכע קריזיסען וואָס
מוזען קומען אלס רעזולטאַט פון העצערייען געגען א אידען, קענען
דורך דער אויספיהרונג פון דעם פלאַן פערהינדערט ווערען. א גרוי־
סע פעריאָדע פון גליקליכע צייטען וועט זיך אָנפאנגען אין די
יעצטיגע אנטיסעמיטישע לענדער. עס וועט שטאַטפינדען, ווי איך
האָב שוין געזאָגט, אן אינערליכע וואנדערונג פון קריסטליכע
שטאַטס־בירגער, אום צו בעזעצען די לעדיג־געוואָרענע פלעצער,
וואָס די אידען האבען פערלאָזען. ווען מען זאָל אונז אויך העלפען,
א חוץ ערלויבען, דאן מוז איבעראל די בעוועגונג האבען א פרוכט־
בארע ווירקונג. עס איז אויך א נארישע פאָרשטעלונג, פון וועל־
כען מען מוז זיך בעפרייען, אז דורך די אויסוואנדערונג פון די אי־

דען, מוז פאַרקומען אַ פעראַרמונג אין יענע לענדער. די אויס־וואנדערונג וואָס ענטשטעהט דורך העצעריי, מוז גאנץ אַנדערס פאַרגעשטעלט ווערען, איידער די וואָס געהט צו אויף אַ רעגעלמע־סיגען אופן. ווען מען מוז ענטלויפען, דאן געשעהט עס ווי אין אַ מלחמה, און גיטער מוזען צושטערט ווערען. ווען קאָלאָניסטען וואנדערן אבער אוים אויף אַ פריעדליכען אופן, וואו דאָס געזעץ בעשיצט אלץ פריי און אָפען אין מיטען העלען טאָג, אונטער די אויגען פון די בעאמטע, אונטער דער קאָנטראָלע פון דער עפענט־ליכער מיינונג, דאַמאָלט איז דער פאַל אַ גאנץ אַנדערער. די אוים־וואנדערונג פון קריסטליכע פראָלעטאריער נאָך אַנדערע געגענדען וועט קומען צו אַ שטילשטאַנד דורך דער אידישער בעוועגונג.

די לענדער וואָלטען אויך געהאט דעם נוצען, וואָס זייער עקספּאָרט־האנדעל וואָלט געוואלטיג געוואקסען, ווייל די אויסגע־וואנדערטע אידען אין נייעם לאנד וואָלטען נאָך אַ לאנגע צייט געבליעבען אָנגעוויעזען אויף אייראָפּעאישע פּראָדוקטען און דאָס וועלען זיי מוזען בעציהען. דורך די אָרטס־גרופּען וועט געשאַפען ווערען אַ גערעכטער אויסגלייך, ווייל די געוואָהנטע בעדירפּנישען וועלען נאָך לאנג מוזען קומען פון דעם געוואָהנטען אָרט.

איינער פון די גרעסטע נוצען וואָלט געווען די סאָציאַלע דער־לייכטערונג. די סאָציאַלע אונצופרידענהייט וואָלט געקענט בערו־היגט ווערען אויף אַ צייט פון 20 יאָהר אָדער נאָך מעהר, און יע־דענפאלס די גאנצע צייט וואָס די אידישע וואנדערונג וואָלט גע־דויערט.

די אויסבילדונג פון דער סאָציאַלער פראַגע הייננט נאָר אָב פון דער ענטוויקלונג פון די טעכנישע מיטלען. דער דאַמף האָט פערזאמעלט די מענשען ארום די מאשינען אין די פאבריקען, וואו זיי דריקען איינער דעם אנדערן און זיינען אלע אונגליקליך. די פּראָדוקציאָן איז אונגעהייער גרויס, אָהן אַן אויסוואָהל, אָהן אַ פּלאַן, און פיהרט יעדען אויגענבליק צו קריזיסען, דורך וועלכע די אונטערנעהמונג, צוזאמען מיט דער ארבייט, געהען צו גרונד. דער דאַמף האָט די מענשען צוזאמען געפּרעסט, די אנווענדונג פון דער עלעקטריציטעט וועט זיי ווידער צושפּרייטען און פיליכט ברענגען צו גליקליכע אַרבייטס־צושטעדנען. יעדענפאלס וועלען די טעכנישע ערפינדער, וועלכע זיינען די אמת׳ע וואָהלטהעטער פון

דער מענשהייט אויך צום אנפאנג פון דער אידישער וואנדערונג ווייטער ארבייטען, און וועלען געפינען יעדעס מאָל אלץ גרעסערע וואונדערבארע זאכען.

שווין יעצט שיינט עס, אז דאָס וואָרט „ניט מעגליך”, איז פערשוואונדען געוואָרען פון דער טעכנישער שפּראַך. ווען א מענש פון דעם פאָריגען יאהרהונדערט זאָל ערשיינען, וואָלט ער ענטדעקט אין אונזער לעבען אונבעגרייפליכע צויבעריי. וואו מיר, מאָדערנע מענשען, ערשיינען מיט אונזערע הילפס־מיטלען, פערוואנדלען מיר דעם מדבר אין א גאָרטען. כדי אויפצובויען שטעדט זיינען יעצט גענוג גראָדע אזוי פיעל איינצעלנע יאהרען, וויפיעל יאהרהונדער־טען מען האָט אמאָל געהאָט נויטיג. פאַר דעם גיט אונז אמעריקא אהן א צאָהל ביישפּיעלען. מיר וויסען מעהר ניט וואָס דאָס הייסט שטערונגען. די שאַץ־קאמער פון מאָדערנעם גייסט ענטהאלט שוין אונגעהייערע אוצרות: יעדען טאָג פערמעהרען זיי זיך. הונדערט־טויזענד קעפּ טראַכטען, זוכען אויף יעדען פּונקט פון דער ערד, און וואָס איינער האָט ענטדעקט, געהערט אין נעכסטען אויגענבליק צו דער גאנצער וועלט.

מיר אליין וועלען אין אידישען לאַנד בענוצען אלע פּראָבען און זיי ווייטער ענטוויקלען, און אזוי ווי מיר וועלען מאכען אין זיע־בען־שטונדיגען ארבייטס־טאָג אן עקספּערימענט צום וואָהל פון דער גאנצער מענשהייט, אזוי וועלען מיר אויך טהאָן מיט אלע מענ־שען־פריינדליכע אונטערנעהמונגען. דאָס נייע לאַנד וועלען מיר זוכען פּאַרצושטעלען אלס א פּראָבע־לאַנד און מוסטער־לאַנד.

נאָך דעם ווי די אידען וועלען אוועק, וועלען אלע זייערע געשאַפענע אונטערנעהמונגען פערבלייבען ווי געווען. אפילו דער אידישער אונטערנעהמונגס־גייסט וועט וואו מען זוכט איהם, אויך דאָרט ניט פעהלען. דער בעוועגליכער אידישער קאַפּיטאַל וועט אויך ווייטער זוכען דאָרט טהעטיג צו ווערען, וואו זיינע בעזיצער קענען די פערהעלטניסען. און בעת איצט זוכט דער אידישער געלד־קאַפּי־טאַל די פערוואָרפענסטע אונטערנעהמונגען, וועט עס ווידער ביי דער לעזונג פון דער אידענפראַגע זיך צוריקקעהרען און מיטהעל־פען צום ווייטערדיגען פאָרשריט פון די ביזהעריגע וואָהנערטער.

שלום־וואָרט.

ווי פיעל איז נאָך געבליעבען ניט ערקלערט, ווי פיעל חסרונות, שעדליכע קלייניגקייטען און נוצלאָזע ווידערהאָלונגען דאָס ווערק ווייזט נאָך אלץ אויף, כאָטש איך האָב אזוי לאַנג וועגען דעם נאָכגעטראַכט און עס פיעל מאָל איבערגעאַרבייט.

דער עהרליכער לעזער, וועלכער איז אויך א מענש מיט שכל, און קען לעזען צווישען די שורות, וועט זיך ניט לאָזען אָבשטויסען פון די חסרונות. ער וועט גיכער קריגען מעהר חשק טהייל צו נעמען אין דעם ווערק מיט זיין שאַרפזין און זיין קראַפט, און דאָס אויסבעסערן.

צי האָב איך ניט ערקלערט זעלבסט־פערשטענדליכע זאכען און וויכטיגע ענינים פערזעהן?

איניגע טענות האָב איך פּרובירט פערענטפערן; איך וויס, עס זיינען נאָך פערהאַנען אַנדערע, א סך. עס זיינען פאַראַן הויכע און פּראָסטע.

צו די הויכע טענות געהערט דאָס, וואָס אין דער וועלט זיינען נאָך די אידישע צרות ניט די איינציגע.—איך מיין אבער, אז עס וואָלט גאָר ניט געשאַדעט יעדעס מאָל אביסעל אוועקצונעהמען פון דעם עלענד ווען עס זאָל אפילו פאָרלויפיג נאָר זיין אונזער אייגענעם.

ווייטער קען מען זאָגען, אז מיר זאָלען ניט אריינברענגען קיין נייע אונטערשיידונגען צווישען די מענשען; קיינע נייע גרענעצען ניט איינפיהרען, און בעסער זעהן, אז די אלטע זאָלען פערשוואונדען ווערען. — איך מיין, אז די וואָס דענקען אזוי זיינען ליעבענסווירדיגע בעלי חלומות; אבער דער שטויב פון זייערע בירנער וועט שוין לאַנג פערשווינדען אָהן א שפּור ווען די פאַטערלאַנדס־אידעע וועט שוין מעהר ניט בלייבען. די אלגעמיינע פערברידערונג איז אפילו ניט קיין שעהנער חלום. דער שונא איז נויטיג פאַר די העכסטע אנשטרענגונגען פון דער פּערזענליכקייט.

אבער ווי אזוי? די אידען וועלען דאך אין זייער אייגענעם לאנד קיין שונאים ניט האבען, און אזוי ווי זיי וועלען שוואך ווערען צוליעב דעם וואס עס וועט זיי גוט געהען. דאן וועט דאך ערשט דאס אידישע פאלק צו גרונד געהן? — איך מיין, אז די אידען וועלען שטענדיג האבען גענוג שונאים ווי יעדער אנדער נאציאן. ווען זיי וועלען זיך אבער געפינען אויף זייער אייגענעם באדען, קענען זיי שוין קיינמאל מעהר ניט צושפרייט ווערען. דער גלות קען זיך שוין מעהר ניט ווידערהאלען, אזוי לאנג ווי די גאנצע קולטור פון דער וועלט וועט ניט צוזאמענברעכען. און פאר דעם קען נאר מורא האבען א נארישער מענש. די יעצטיגע קולטור האט גענוג מאכט־מיטלען אום זיך צו פערטהיידיגען.

די פראסטערע טענות זיינען אהן א צאהל, ווייל עס זיינען אויך פערהאן מעהר פראסטע מענשען ווי איידעלע: אייניגע בעגרענצטע פארשטעלונגען האב איך פרובירט מבטל זיין. ווער עס וויל זיך שטעלען הינטער דער ווייסער פאהן מיט די זיעבען שטערענס, מוז מיטהעלפען אין דעם פעלד־צוג פון אויפקלערונג. פילייכט וועט דער קאמף פריהער מוזען געפיהרט ווערען געגען מאנכע שלעכטע ענג־הערציגע און בעשרענקטע אידען.

וועט מען ניט זאגען אז איך ווייז אן א וועג אויף וועלכען מען טען? ווארום? ווייל איך בין מודה אויפ'ן אמת? ווייל איך בעהויפטע ניט, אז מיר זיינען דורכאוים די בעסטע מענשען?

וועט מען ניט זאגען אז איך בייג אן א וועג אויף וועלכען מען זאל אונז קענען שאדען? דאס קען איך אונבעדינגט ניט צגעבען. וואס איך האב פארגעשלאגען, קען נאר דורכגעפיהרט ווערען, ווען די מעהרצאהל פון די אידען וועט דערצו גאנץ פריי מסכים זיין. מען קען עפעס טהאן געגען איינצעלנע, איפלו אויך געגען די גרופען פון די יעצטיגע מעכטיגסטע אידען. אבער עס קען קיינמאל מעהר ניט געשעהן פון שטאט געגען אלע אידען. מען קען שוין מעהר ניט אוועק נעהמען די געזעצליכע גלייכבערעכטיגונג פון די אידען, דארט וואו מען האט עס זיי איינמאל געגעבען, ווייל נאר אן אנפאנג צו אזא בעוועגונג וועט שוין טרייבען אלע אידען, ארים און רייך, זיך אנצושליסען אן די אומשטורץ־פארטייען. דער אנפאנג פון די אפיציעלע ווירטהשאפטליכע אונגערעכטיגקייטען געגען די אידען האבען איבעראל דורך דעם ארויסגערופען קריזיסען.

מען קען אלזא אונז באמת גאר ניט טהאן, ווען מען וויל זיך אליין קיין שמערצען ניט פעראורזאכען. דערביי אבער וואקסט און וואקסט דער האס. די רייכע פיהלען דאס ניט זעהר פיעל, אבער אונזערע ארימע! זאל מען נאר פרעגען אונזערע ארימע, וועט מען באלד זיך דערוויסען, אז זייט דער צייט וואס דער אנטיסע־מיטיזמוס האט זיך וויעדער אנגעפאנגען, ווי שרעקליך די ארמוטה איז געשטיגען אונטער זיי.

איינינע רייכע וועלען בעהויפטען, אז די צרות זיינען נאך ניט גענוג גרויס פאר די אויסוואנדערונג, און אפילו די געוואלט־זאמע ארויסטרייבונגען פון די אידען צייגט גאר, אז אונזערע ברי־דער געהן זעהר ניט גערן. יא, דאס איז אמת, אבער עס איז נאר דערפאר, ווייל זיי ווייסען ניט וואוהין צו געהן. זיי שטעלען זיך פאר, אז זיי מוזען פון איין צרה געהן אין דער צווייטער. מיר אבער ווייזען זיי דעם וועג אין געלויבטען לאנד. און מיט דער שרעקליכער מאכט פון געוואהנהייט מוז קעמפען די הערליכע מאכט פון בעגייסטערונג.

די פערפאלגונגען זיינען ניט מעהר אזוי שרעקליך ווי אין מיי־טעלאלטער? יא, אבער אונזערע געפיהלען זיינען זינט דאמאלט אזוי געוואקסען, אז מיר קענען שוין אפילו קיין קלענערע צרות אויך ניט פערטראגען. די לאנגע רדיפות האבען צורייצט אונזערע נער־ווען.

מען וועט נאך זאגען: די אונטערנעהמונג איז האפנונגסלאז, אפילו דעמאלט ווען מיר זאלען קריגען דאס לאנד און די הערשאפט — ווייל בלויז די ארימע אליין וועלען מיטגעהן! גראדע זיי ברוי־כען מיר פריהער! נאר די פערצווייפעלטע נוצען צום עראבערן.

אן אנדערער וועט פרעגען: יא, אויב דאס וואלט מעגליך געוועזן, צי וואלט מען עס שוין לאנג ניט געטהאן?

פריהער איז דאס ניט מעגליך געוועזן. יעצט איז עס מעגליך. מיט הונדערט יאהר צוריק, ניין, מיט 50 יאהר צוריק, וואלט דאס געוועזן א פאנטאזיע. היינט איז דאס אלץ ווירקליך. די רייכע, וואס האבען א שכל'דיגען איבערבליק איבער אלע טעכנישע עראבע־רונגען ווייסען זעהר גוט וואס מען קען טהאן מיט געלד, און אזוי וועט עס געהען: גראדע די ארימע און איינפאכע מענשען, וואס חלום'ן אפילו ניט פון דער קראפט וואס דער מענש בעזיצט איבער

דער נאַטור־קראַפט — אַט זיי וועלען מעהר גלויבען אין דער נייער בשורה. זיי האָבען נאָך ניט פערלאָרען די האָפענונג אויף דעם געלויבטען לאַנד.

אידען! דאָס איז עס! קיין בבא־מעשה, קיין שווינדעל! יע־דער קען זיך אין דעם איבערצייגען, ווייל יעדער טראָגט אין זיך א שטיק פון געלויבטען לאַנד: איינער האָט עס אין קאָפּ, דער אנ־דערער אין די הענד און דער דריטער — אין ערוואָרבענעם פער־מעגען.

יעצט קען אבער אויסזעהען, אז דאָס אלעס איז צו א לאַנגע געשיכטע, אפילו אין גינסטיגסטען פאַל וועט דער אָנפאַנג פון דער גרינדונג פון א אידענשטאַאַט, לאָזען אויף זיך וואַרטען א סך יאָהרען. דערווייל ווערען די אידען אויף טויזענד פּונקטען גע־ערגערט, געקריינקט, געשאָלטען, געשלאָגען, גערויבט און גע־ממית'ט. ניין, ווי מיר הויבען נאָר אפילו אָן דעם פּלאַן אויסצופיה־רען, קומט שוין דער אנטיסעמטיזימוס איבעראַל צו א שטיל־שטאַנד, ווייל דאָס אלץ איז דער פריעדענס־שלום.

וועגען דער גרינדונג פון דער „אידישער קאָמפּאַניע" וועט די נייעס בלויז אין איין טאָג צוטראָגען ווערען לארבע פּנות העולם דורך דעם בליץ פון די דראָטען.

די ערלייכטערונג הויבט זיך דאַמאָלס אָן אין אלגעמיין. פון דעם מיטעלשטאַנד געהט באַלד ארונטער די איבער־פּראָ־דוצירטע אינטעליגענץ, און געהט איבער צו די ערשטע אָרגאַני־זאַציאָנען וואָס בילדען אונזערע ערשטע טעכניקער, אָפיצירען, פּראָפעסאָרען, בעאמטע, יוריסטען און דאָקטוירים. אזוי געהט די זאַך ווייטער, שנעל אָהן שאָדען.

מען וועט מתפלל זיין אין די טעמפּלען פאַר דעם געלינגען פון דער ארבייט. אבער אויך אין די קירכען! עס איז די בעפרייאונג פון אן אלטען דרוק, אונטער וועלכען אלע האָבען געליטען.

אבער פריהער מוז עס ליכטיג ווערען אין די קעפּ. די אידעע מוז ארייננדרינגען ביז אין די לעצטע יאָמערפולע נעסטען, וואו אונ־זערע ברידער וואָהנען. זיי וועלען אויפוואַכען פון זייערע חלומות. ווייל אין אונזער גאַנצען לעבען קומט אריין עפּעס נייעס. יעדער דאַרף נאָר פון זיך אליין דענקען, און די בעוועגונג וועט שוין במילא ווערען א געוואַלטיגע.

און וועלכע גלאַנץ ערוואַרט די קעמפּער וואָס זיינען גערייט זיך מקריב צו זיין פאַר דער זאַך!

דערפאַר גלויב איך, אַז אַ דור פון וואונדערבאַרע אידען וועט אַרויסוואַקסען פון דער ערד. די מקאַבעער וועלען ווידער אויפשטעהן.

נאָך אַמאָל וועל איך איבערזאָגען דאָס וואָס איך האָב געזאָגט פון אָנפאַנג: די אידען וואָס ווילען, וועלען האָבען זייער שטאַט.

מיר וועלען ענדליך, אַלס פרייע מענער, לעבען אויף אונזער אייגענער ערד, און שטאַרבען רוהיג אין אונזער אייגענער היימאַטה.

די וועלט וועט בעפרייט דורך אונזער פרייהייט, בעררייכערט דורך אונזער רייכטהום, און פערגרעסערט דורך אונזער גרויסקייט.

און אַלץ וואָס מיר וועלען דאָרט טהאָן פאַר אונזער אייגענע מאַכט און גליק, וועט דיענען פאַר די מאַכט און גליק פון דער גאַנצער מענשהייט.

— ע נ ד ע. —